# הערשעל אסטראפאליער

## דער בעריהמטער

גאַנְץ נייַע אַנֶעקְדָאטִין און סְצֶענֶעס,
פון דֶעם בֶּעריהְמְטֶען וויצְלִינְג,
וועלְכֶע מֶעהָאט נִיפוּנֶען פֶּערְשְׁרִיבִּין
אִין דֶעם אָסְטְרָאפָּאלְיֶער פִּנְקָס.

צוזאַממענגעזאַממעלט פאָן

**א. י. בוכבינדער.**

אין 2 טהייל.

פערלאַג פאָן
געברידער בלעטניצקי
בוכהענדלער
אין אדעססא.

ערשטער טהייל

301

## דער בעריהמטער

# הערשיל אסטראפאליער

גאנץ נייע אנעקדאטען, סצענעס אונ שטוקעס פון דעם בעריהמטען וויצלינג וואס מען האט גיפונען פערשריבין אין דעם אסטראפאליער פנקס.

ארויסגעגעבען פון

**א. י. בוכבינדער.**

[A. J. Buchbinder]

ווער עס וויל גוט לאכען
אונ זיך פרעהליך מאכען,
זאל טאקע שוין לויפען
דאס ביכעלע קויפען.

## ערשטער טהייל

הזכות נמכר לצמיתות להאחים בלעטניצקי.

# ווילנא

תרנט.

ЗНАМЕНИТЫЙ ГЕРШЕЛЬ-ОСТРОПОЛЕРЪ.
Соч. А. И. Бухбиндера. Часть I.
Изд. и соб. братьевъ Блетницкихъ.

ВИЛЬНА. Тип. Вдовы и бр. Роммъ. Жмуд. пер. собст. домъ № 328.
1899

Дозволено цензурою Одесса, 31 Марта 1899 г.

## דֶער אִינְהַאלְט פוּן דֶעם בֶּערִיהמְטֶען הֶערְשֶׁעלֶע אָסְטְרָאפָּאלְיֶער.


דִּיא נְשָׁמָה יְתֵירָה.

הֶערְשִׁיל אִין מַארְק.

נִיט גֶעטְרַאכְט אוּנ גוּט גֶעמַאכְט!

הֶערְשִׁיל דְרֶעהט זִיךְ אוֹיס.

אִיבֶּער אַ קַדִּישׁ

הֶערְשִׁיל גֶעוּוִינְט.

וִויא אַזוֹיא הֶערְשִׁיל מַאכְט חֲתוּנָה אַ אָרְמֶע בְּתוּלָה.

גְלוֹיבּ נִיט וָואס מֶען זָאגְט.

וִויפִיל נַארָאנִים זַיינֶען דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט?

דִּיא יַארְמִילְקֶע.

הֶערְשִׁיל גִיט זִיךְ אַיין עֵצָה.

וָואס פַאר אַלָשׁוֹן אִיז דָא בַּייא דִּיא רוֹיטֶע יוּדְלֶעךְ?

אַ פַּאטְשׁ פַאר אַ פַּאטְשׁ.

דֶער חִילוּק פוּן אַ עֶזֶעל בִּיז דֶעם נַאר.

גְרִיבֶּעס מִיט טַארַאקַאנֶעס.

פַאר מַיין פְּרַייז פֶערְקוֹיף אִיךְ.

הֶערְשִׁיל בֶּעשְׁטְרָאפְט זַיין וַוייבּ.

הֶערְשִׁילְס שׁוּטְקֶעס.

הֶערְשִׁילְס שְׁטוּקֶעס.

הֶערְשִׁיל וֶוערְט אַ דָאקְטָאר.

הֶערְשִׁיל אַלְס דָאקְטָאר.

דִּיא לֶעצְטֶע פְּרַאקְטִיקֶע פוּן הֶערְשִׁילְס דָאקְטָארַייא.

הֶערְשִׁיל וֶוערְט אַ שַׁדְכָן.

אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ.

הֶערְשִׁיל אִיז זִיךְ נוֹקֵם.

דִּיא קַאפָּאטֶע.

אַ תֵּירוּץ.

אִין מַארְק .
הֶערְשִׁיל עֶסְט פַאר זַיין גֶעלְט .
בַּיי'ם עֶסֶען קְלַייבְּט מֶען נִיט אִיבֶּער.
הֶערְשִׁיל בַּייא אַ גוֹסֵס .
הֶערְשִׁיל פֶּערְלִירְט זִיךְ נִיט .
הֶערְשִׁיל פַּסְקֶ'נְט שַׁאֲלוֹת.
הֶערְשִׁיל לוֹיבְּט אַ חָתָן .
הֶערְשִׁיל דֶערְקֶענְט מֶענְשִׁין.

הֶערְשִׁיל אוּנ חַייקֶעל חַקְרָן .
נָאךְ אַמָאהל הֶערְשִׁיל אוּנ חַייקִיל ,
הֶערְשִׁיל דֶערְצֶעהלְט וואוּנְדֶער פוּן
אוֹיסלַאנְד .
הֶערְשִׁיל פַאר דֶעם טוֹיט .
הֶערְשִׁיל בַּייא אַ קַארְגִין נְגִיר .
הֶערְשִׁיל שְׁרֶעקְט אִיבֶּער דֶעם רֶבִּין.
הֶערְשִׁיל ווִינְטְשֶׁעוועט .

## 1.

## דיא נשמה יתרה.

בייםם רבי ר׳ ברוכ׳ל איז הערשעל אמאל געוועזען אויף א שלש סעודות. עטליכע מנינים מענשען זיינען געזעסען אויסגעזעצט בייא לאנגע טישען וועלכע זיינען געוועזען געגרייט מיט פיעל מאכלים אונ משקאות. דער רבי האט אבגעזאגט תורה אונ דער עולם האט גענומען עסען מיט גרויס אפעטיט, וויא דער שטייגער איז פון חסידים ווען זייא זיטצען ביים רבינ׳ס טיש. אין דעם איז אהין אריינגעקומען חייקעל-חקרן, וועלכען מען האט געהאלטען פאר א שטיקעל אפיקורוס.

— עסט אונ טרינקט, מיינע ליעבע יודעליך — האט ער זייא אזאג געטאהן אויף חוזק — ווארום בייא דער נשמה יתרה איז היינט א עת רצון.

— פאר וואס זשע זאלסט דוא ניט עסען מיט אונז? האט איהם הערשיל אפרעג געטאהן, דוא האסט דאך אויך אזא נשמה יתרה וויא מיר!

— חלילה! האט זיך חייקעל אהאפ געטאהן מיט פייער — איך האב נאר איין נשמה.

— אבער דיא איינע איז דאך אויך א נשמה יתרה בייא דיר! האט איהם הערשעל גלייך געענטפערט.

דער עולם האט זיך צולאכט אונ דער חקרן איז פארשעמט געווארען.

## 2.

## הערשיל אין מארק.

עס איז ווינטער, דער פראסט ברענט אונ א שנעע שיט, וויא קליינע פעדערן, פון דעם גרויען הימעל. דיא קרעמערליך לויפען אום אין דרויסען פאר זייערע קלייטליך אונ קלאפען אפוס אין אפוס אונ דיא ווייבער דיא קרעמערקים אונ פיינע בריה׳ס זיטצען אויף דיא מהירען פון זייערע קראמען איבער דיא פייערטעפ אונ עס רינט זייא פון דיא נאז. אין גאס איז פוסט, ניטא קיין קונים. הערשיל, וועלכער איז נאר וואס אנטלאפען פון דער שטוב איבער דעם ווייב׳ס געשרייא וואס זיא האט איהם געמאהנט ברויט פאר דיא קינדער, לויפט גלייך אין בית המדרש אריין אונ לויפט אויך פארבייא דיא קרעמערקעס. א נייע קרעמערקע וועלכע האט איהם ניט געקאנט, מיינט אז ער איז א קונה אונ שטעלט איהם אב:

— זייט זשע מוחל, פעטער, וואס קויפט איהר עפעס?

הערשיל שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבּ, בֶּעטְרַאכְט דִיא קְרֶעמֶערְקֶע וִויא עֶס רִינְט אִיהר פוּן דֶער נָאז אוּנ פְּרֶעגְט אִיהר:

— וָואס הָאט אִיהר דֶען צוּ פַאר קוֹיפֶען?

— שְׁטַייטְשׁ אִיךְ הָאבּ אַלְצְדִינְג, וָואס נָאר אִיהר וִוילְט!

— נָאזְטִיכְלִיךְ הָאט אִיהר אוֹיךְ?

— אַוַדַאי! עֶנְטְפָערְט דִיא קְרֶעמֶערְקֶע מִיט גְרוֹיסְקַייט.

— נֶעהמְט זֶעה אַ נָאזְטִיכֶעל אוּנ וִוישְׁט אַיךְ אָבּ, זַייט מוֹחֵל, דִיא נָאז.

## 3.

## נִיט גֶעטְרַאכְט אוּנ גוּט גֶעמַאכְט.

הערשיל אִיז גֶעגַאנְגֶען פַארְבַּייא אַ קִירְזְנֶער וָועלְכֶער אִיז גֶעזֶעסֶען אָהן דָעם הִיטֶעל אִין קְלֵייט. דֶער קִירְזְנֶער רוּפְט אִיהם אַרַיין אוּנ זָאגְט: נוּא, הערשיל, זָאגְסְטוּ אַ גְלַייךְ וָוארְט נִיט גֶעטְרַאכְט, חַאפְּסְטוּ שׁוֹין אוֹיף אַ טְרוּנְק בְּרַאנְפֶען פוּן מִיר.

— אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶועזֶען אַ קִינְד, עֶנְטְפֶערְט הערשיל, הָאבּ אִיךְ קֵיין מָאל נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען וִויא עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ מֶען זָאל שְׁטֶעהן בַּייא אַ וַיאכֶער אוּנ מֶעז זָאל זִיךְ נִיט אָנְטְרִינְקֶען. הַיינְט אָבֶּער זֶעה אִיךְ אַז עֶס אִיז נָאר קַיין וואוּנְדֶער נִיט: אָט זִיצְט אִיהר אִין אַפִילוּ קְלֵייט מִיט הִיטְלֶען אוּנ אַלֵיין גֶעהט אִיהר אָהן אַהִיטֶעל.

## 4.

## הֶערְשִׁיל דְרֶעהט זִיךְ אוֹיס.

הערשיל קוּמְט אַרַיין אַמָאל אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִין וֶועגְס-קְלֵיידֶער: מִיט אַ טָארְבֶּע אוֹיף דִיא פְּלֵייצֶעס אוּנ מִיט אַ גְרוֹיסֶען שְׁטֶעקִין אִין דֶער הַאנְד.

— וָואס בֶּעדַייט עֶס, ר׳ הערשיל? וואוּהִין פָאהרְט אִיהר עֶס? פְּרֶעגְט מֶען אִיהם.

— אִיךְ פָאהר קֵיין אויסלאנד! — עֶנְטְפֶערְט עֶר קוּרְץ.

— אִין אויסלאנד גָאר? שְׁטַייטְשׁ, אִיהר קֶענְט דֶען דִיא אוֹיסְלֶענְדִישֶׁע לְשׁוֹנוֹת?

— נִישְׁט קָשֶׁה, עֶנְטְפֶערְט הערשיל, אִיךְ וֶועל זִיךְ אַיין עֵצָה גֶעבֶּען: אַשְׁטֵיינֶער אַז אִיךְ וֶועל קוּמֶען צוּא קִירֶעו, אִיז בִּיז אִיךְ וֶועל מִיךְ אויסְלֶערְנֶען זַיין לָשׁוֹן, וֶועל אִיךְ זִיךְ פַארְשְׁטֶעלֶען פַאר אַשְׁטוּמֶען.

5.

## אִיבֶּער אַ קַדִּישׁ.

הערשיל גֶעהט אַמָאל אִין אַ ווִינְטֶער-אָבֶענְד צוּם טַייךְ זֶעהט עֶר ווִיא אֵיינֶער ווִיל זִיךְ דֶערְטְרִינְקֶען. עֶר לוֹיפְט צוּא צוּ אִיהם אוּנ חַאפְּט אִיהם בַּייא דֶער הַאנְד.

— שְׁטֶעהט, ר׳ יוּד וָואס ווִילְט אִיהר טָאהן? פְּרֶעגְט אִיהם הערשיל.

— אִיךְ ווִיל זִיךְ אִין טַייךְ אַרַיין וַוארְפֶען.

— אִין טַייךְ גָאר? פַאר וָואס אִיז?

— מַיינֶע צָרוֹת זַיינֶען זֶעהר גְרוֹיס: נִישְׁט גֶענוּג וָואס אִיךְ הָאבּ אַשְׁלַאק אַ וַוייבּ, בִּין אִיךְ נָאךְ אָהן קִינְדֶער אוֹיךְ גֶעבְּלִיבֶּען, אוּנ צוּא שְׁטַארְבִּין אָהן אַ קַדִּישׁ אִיז שׁוֹין גְלַייכֶער אַז אִיךְ זָאל זִיךְ אִין טַייךְ אַרַיינְוַוארְפֶען.

— אִיהר זֶענְט נֶעבַּאךְ אַוַדַאי גֶערֶעכְט — זָאגְט הערשיל מִיט אַ זִיפְץ — מֶען קָאן גָאר אַנְדֶערְשׁ נִיט זָאגֶען. נָאר וֶוען אִיהר זָאלְט מִיךְ וֶועלִין פָאלְגֶען, ווָאלְט אִיךְ אַייךְ גֶערַאטֶען אַז אַיידֶער אִיהר וַוארְפְט זִיךְ אַרַיין אִין טַייךְ אַרַיין, זָאלְט אִיהר זִיךְ פְרִיהֶער אוֹיסְטָאהן דִיא מַלְבּוּשִׁים אוּנ וֶוען אִיךְ וֶועל נָאר דֶערְזֶעהן דָעם עֶרְשְׁטֶען פוּזִיר אוֹיף דֶעם וַואסֶער, וֶועלְכֶעס וֶועט זַיין אַ סִימָן אַז אִיהר זַייט שׁוֹין טוֹיט, וֶועל אִיךְ זִיךְ צוּנֶעהמֶען דִיא קְלֵיידֶער פַאר אַ זִכָּרוֹן אוּנ וֶועל נָאךְ אַייךְ קַדִּישׁ זָאגֶען.

דָעם יוּדֶען אִיז גֶעפֶעלֶען דִיא עֵצָה. עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעטָאהן נַאקֶעט אוּנ אִיז אַרַיינְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אִין טַייךְ. הערשיל הָאט אָבֶּער נִיט גֶעוָואלְט וַוארְטִין לַאנְג, עֶר הָאט גֶעהַאפְּט דָאס פֶּעקִיל קְלֵיידֶער אוּנ הָאט עֶס אַרַיינְגֶעטְרָאגֶען אִין אַ נָאהֶענְטֶען שֵׁיינְק אוּנ הָאט עֶס דָארְט פַארְזֶעצְט פַאר אַ גוּטֶען בִּיסֶען. דֶער יוּד אָבֶּער, אַלְס עֶר הָאט נָאר דֶערְפִיהלְט דִיא קַאלְטֶע וַואסֶער אוֹיף דֶעם נַאקֶעטֶען לַייבּ, הָאט שׁוֹין חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף דֶער גַאנְצֶער מַעֲשֶׂה. עֶר אִיז גֶעשְׁווִינְד אַרוֹיס גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן דֶעם טַייךְ אוּנ נִיט גֶעפִינֶענְדִיג מֶעהר זַיינֶע קְלֵיידֶער הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ גְוַואלְד. מֶען אִיז זִיךְ בַּאלְד צוּנוֹיפְגֶעלָאפִין אוֹיף זַיין גֶעשְׁרַייא. עֶר הָאט אִיטְלִיכֶען דֶערְצֶעהלְט זַיין גֶעשִׁיכְטֶע. דֶער עוֹלָם הָאט אִיהם בַּאלְד אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין דֶעם נָאהֶענְטֶען שֵׁיינְק וואוּ עֶר הָאט נָאךְ אַלַיין גֶעמוּזְט אוֹיסְלֵייזֶען זַיינֶע אֵייגֶענֶע מַלְבּוּשִׁים.

6.

## הֶערְשֶׁעל גֶעווִינְט.

הערשיל הָאט זִיךְ פַארְוֶועט מִיט חָבְרָה, אַז אִיהם וֶועט גֶערָאטֶען אוֹיסְצוּרַייסֶען בַּיי׳ם קַארְגֶען גְבִיר פוּן זַיין שְׁטָאט אַ גַאנְץ קֶערְבִּיל אַ נְדָבָה. עֶר אִיז

אַריינגעגאַנגען צוא איהם אין שטוב אונ בעט איהם א נדבה. ער נעהמט אַרויס א גראָשען אונ גיט איהם.

— גיט זשע מיר שוין אייער ביטעלע אויך, אז איך זאל האָבען וואו צוא בעהאַלטען דעם גראָשען.

דער גביר זאָגט איהם מסתמא אָב.

— נאַ, גיט זשע מיר חאָטש אַ שוועבעלע צוא פערוויכערין אַ פּאַפּיראָס — בעט איהם הערשיל.

דער גביר גיט איהם א שוועבעלע.

— אַז איהר ווילט נאָך זיין אַזויא גוט, זאָגט הערשיל ווייטער, גיט זשע מיר שוין אַ פּאַפּיראָס אויך.

דער גביר גיט איהם מיט כעס א וואָרף אַ פּאַפּיראָס גלייך אין שטערין.

— פאַר דעם בעליידיגונג — זאָגט הערשיל — וואָס איהר האָט מיר נעוואָרפין דעם פּאַפּיראָס אין שטערין אַריין, קאָן איך אייך ניט מוחל זיין, אָדער בעט מיך איבער מיט א קערביל, אָדער קומט מיט מיר צום רב.

— צו ביזטו משוגע? שרייט דער גביר — וואס האָסטו זיך צו געצעפּעט צוא מיר?

— צום רב זאָלט איהר געהן מיט מיר! שרייט הערשיל אויף אַ קול אונ אויף דעם געשרייא זיינען זיך צונויף געלאָפען מענשען פון דער גאַס — איהר האָט מיך מבייש געשטעלט! איך קאָן דאָס אייך ניט מוחל זיין! ניין, ניין, מיין שטערין וויל דאָס אויך ניט מוחל זיין!

דער גביר האָט זיך געשעמט פאַר דיא פרעמדע מענשין האָט ער געמוזט אַרויס נעהמען א רובל אונ האָט עס געגעבען הערשלין.

---

## 7.

## וויא אַזויא הערשיל מאַכט חתונה אַ אָרמע בתולה.

אום עשרה בטבת האָט זיך אַמאל פערגלוסט הערשלין ניט צו פאַסטין. ער איז אַריין געגאַנגען אין אַ שיינק אונ האָט גענומען אַ ביסעל בראַנפּין אונ האָט פערביסען מיט אַ בייגעל. אויף זיין אונגליק איז מען דעמאָלט אומגענאַנגען זוכען חטאים אין שטאָט, ווייל אַ געוויגערין איז שווער געגאַנגען צוא קינד. מסתמא האַפּט מען אונזער הערשלען אין שיינק אונ מען שלעפּט איהם צום רב.

— וויא אַזויא עסט עס אַ יוד אין אַ תענית? פרעגט איהם דער רב.

— זאָגט מיר, רבי, ענטפערט הערשיל, אַשטייגער אַז איך האָב געגעבען טויזענד רובל אַ אָרמע בתולה זיא זאל קענען חתונה האָבען, מעג איך שוין עסען אין אַ תענית?

— יַא, זָאגְט דֶער רָב, נָאר וִויא אַזוֹיא אִיז דָאס גֶעשֶׁעהֶען?

— אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען צוּם טַייךְ, זַיינֶען גֶעשְׁטַאנֶען צְוַוייא מֵיידְלִיךְ אוּנ הָאבֶּען גֶעוואַשֶׁען וֶועשׁ. הֶער אִיךְ וִויא אֵיינֶע זָאגְט: „אִיךְ גְלוֹיבּ, אַז הַיינְט פַּאסְט בַּייא אוּנְז דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט“. עֶנְטְפֶערְט דִיא אַנְדֶערֶע: „פוּן דֶעסְטְ-וֶועגֶען וָואלְט אִיךְ גֶעוָואלְט הָאבֶּען אַזוֹיא פִיעל טוֹיזֶענְדָער וִויפִיעל מֶענְשִׁין עֶס וֶועלֶען הַיינְט נִיט פַאסְטֶען“. נַא, הָאבּ אִיךְ דֶערְפַאר אוֹיךְ נִיט גֶעפַאסְט, כְּדֵי דָאס מֵיידֶעל זָאל הָאבֶּען מֶעהר מִיט טוֹיזֶענְד רוּבֶּל.

דֶער רָב מִיט דִיא מֶענְשֶׁען הָאבֶּען זִיךְ צוּלַאכְט אוּנ הערשיל אִיז זִיךְ אַוֶעקְגֶעגַאנְגֶען.

8.

## גְלוֹיבּ נִיט וָואס מֶען זָאגְט.

הערשיל קוּמְט אַמָאל אַרַיין אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ דַאוְונֶען, לוֹיפְט צוּא צוּא אִיהם אַ יוּנְג אֵיידִימְ׳ל אוּנ זָאגְט אִיהם מִיט אַ שְׁמֵייכִיל אַז אַלֶע זָאלִין הֶערֶען:

— ר׳ הערשיל! מֶען זָאגְט אוֹיף אַייךְ אַז אִיהר זַייט אַ נַאר!

— גְלוֹיבּ נִיט וָואס מֶען זָאגְט — עֶנְטְפֶערְט הערשיל — אָט זָאגְט מֶען אוֹיף דִיר אַז דוּא בִּיזְט אַ קְלוּגֶער — נַא, וֶוער זֶשֶׁע וֶועט דָאס גְלוֹיבֶּען?

9.

## וִויפִיעל נַארָאנֶעם זַיינֶען דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אַיינֶער, מִיט אַ נַאקֶעטֶען קָאפּ פְרֶעגְט אַמָאל הערשלין:

— וִויפִיעל נַארָאנֶעם זַיינֶען דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אַזֶעלְכֶע וִויא אִיהר זַייט?

— אַזוֹיא פִיעל, עֶנְטְפֶערְט הערשיל, וִויפִיעל הָאר עֶס אִיז דָא אוֹיף דַיין קְלוּגֶען קָאפּ.

10.

## דִיא יַארְמִילְקֶע.

ר׳ ברוכיל׳ס נַכַּאי הָאט קֵיין מָאל נִיט גֶעהוֹיזְט מִיט הערשלין, עֶר הָאט הערשלין פַיינְד גֶעהַאט פַאר זַיינֶע שְׁטֶעכְוֶוערְטְלִיךְ. אֵיין מָאהל אַרוֹיסְגֶעהֶענְדִיג פוּן דִיא כֵּלִים אִיבֶּער עֶפֶּעס אַ שְׁטָאכְוָוארְט, זָאגְט עֶר צוּא הערשלין: „וַוארְט אוֹיס, אַז דוּא וֶועסְט שְׁטַארְבֶּען וֶועל אִיךְ דִיךְ אֲפִילוּ אִין קֶבֶר אוֹיךְ נִיט רוּהֶען לָאזֶען“.

אוֹיף מָארְגֶען קוּמְט הערשיל אַרַיין צוּם רֶבִּין מִיט אַ פֶערְקְנֵייטְשְׁט פָּנִים.

— וָואס אִיז דִיר, הערשיל? פְרֶעגְט דֶער רַבִּי ר׳ בּרוּכ׳ל, בִּיזְט נִיט גֶעזוּנְד?

— אָט וָואס מִיר אִיז, עֶנְטְפֶערְט הערשיל, אִיךְ קָאן נִיט לֶעבֶּען אָהְן אַייֶער יַארְמִילְקֶע, שֵׁיינְקְט זִיא מִיר אַוֶּועק.

— צוּא וָואס דַארְפְסְט דוּא מַיין יַארְמִילְקֶע?

— אַייֶער גַבַּאי הָאט מִיךְ פֶּערְסְטְרַאשֶׁעט, אַז אֲפִילוּ אִין קֶבֶר וֶועט עֶר מִיךְ אוֹיךְ נִיט לָאזֶען רוּהֶען, דַארוּם ווִיל אִיךְ מִיךְ לָאזֶען מְקַבֵּר זַיין מִיט אַייֶער יַארְמִילְקֶע, פַאר וֶועלְכֶע עֶר צִיטֶערְט זֶעהר (ווייל מִיט דֶער יַארְמִילְקֶע פְלֶעגְט דֶער רַבִּי אָפְט פַּאטְשֶׁען זַיין גַבַּאי).

דֶער רַבִּי הָאט זִיךְ צוּלַאכְט אוּנ הָאט דֶערְצֶעהלְט הערשילס בַּקָשָׁה אַלֶע זַיינֶע חֲסִידִים.

פוּן דֶעמָאלְט אָן אִיז דֶער גַבַּאי שָׁלוֹם גֶעוָוארֶען מִיט הערשלין.

11.

## הֶערְשֶׁעל גִיט זִיךְ אַיין עֵצָה.

דֶער רַבִּי ר׳ בּרוּכ׳ל הָאט זִיךְ אַמָאל שְׁטַארְק צוּבֵּייזֶערְט אוֹיף הערשלען אוּנ הָאט אִיהם פֶערְזָאגְט מִיט דֶעם הַארְבֶּען וָוארְט, עֶר זָאל מֶעהר נִיט בֶּעטְרֶעטִין דִי עֶרְד פוּן זַיין הוֹיף.

עֶס אִיז אַוֶּועק עֶטְלִיכֶע טֶעג אוּנ הערשלען הָאט מֶען מֶעהר נִיט גֶעזֶעהֶן אִין דָעם רֶבִּינְ׳ס הוֹיף. אַמָאהל שְׁטֶעהט דֶער רַבִּי בַּיי׳ם פֶּענְסְטֶער אוּנ קוּקְט אַרוֹיס אִין הוֹיף, זֶעהט עֶר הערשלען אוּמְגֶעהן דָארְט. אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעלָאפֶען צוּ אִיהם אוּנ פְרֶעגְט אִיהם:

— שְׁמַייטְשׁ, אִיךְ הָאבּ דָאךְ דִיר אָנְגֶעזָאגְט אַז דוּא זָאלְסְט מֶעהר נִיט בֶּעטְרֶעטִין דִיא עֶרְד פוּן מַיין הוֹיף?

— שַׁאט, רַבִּי — עֶנְטְפֶערְט הערשיל — בֵּייזֶערְט אַייךְ נִיט. אִיךְ הָאבּ מִיר גֶעקוֹיפְט אַבִּיסֶעל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל-עֶרְד בַּייא אַ יְרוּשַׁלְמִי אוּנ הָאבּ עֶס אַרַיינְגֶעשִׁיט אִין מַיינֶע שִׁיךְ, טְרֶעט אִיךְ אַצוּנְד נִיט דִיא עֶרְד פוּן אַייֶער הוֹיף, נָאר דִיא אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל עֶרְד. טָאמֶער ווִילְט אִיהר מִיר נִיט גְלוֹיבֶּען, לֵייהֶענְט זְשֶׁע אִיבֶּער דֶעם שְׁטַר מְכִירָה וָואס דֶער יְרוּשַׁלְמִי הָאט מִיר אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען וֶוען עֶר הָאט מִיר פֶערְקוֹיפְט זַיין עֶרְד.

אוּנ הערשיל הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּנ׳ם בּוּזֶעם אַ שְׁטַר מְכִירָה אוּנ הָאט עֶס דֶערְלַאנְגְט דֶעם רֶבִּין. דֶער רַבִּי הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעלֵייהֶענְט אוּנ הָאט זִיךְ שְׁטַארְק צוּלַאכְט פוּן דֶעם אַיינְפַאל.

פוּן דֶעמָאלְט אָן אִיז הערשיל ווִידֶער אַ חָשׁוּב גֶעוָוארֶען בַּיי׳ם רֶבִּין.

12.

## וָואס פַאר אַלָשׁוֹן אִיז דָא בַּייא דִיא רוֹיטֶע יוּדְלִיךְ

אֵיין מָאל אִין אַ ווִינְטֶערְנַאכְט, וֶוען הערשיל אִיז גֶעזֶעסֶען מִיט אַסַךְ בַּטְלָנִים אִין קְלוֹיז בַּייא דֶער רוּבֶּע, הָאט זִיךְ דֶער עוֹלָם שְׁטַארְק מְפַלְפֵּל גֶעוֶועזְ וֶועגֶען דֶער פָּאלִיטִיק, פוּן דֶעם תּוּגַר מִיט דֶער עֶנְגְלִישֶׁער מַלְכָּה אוּנ עֶנְדְלִיךְ הָאט מֶען זִיךְ צוּ שְׁמוּעֶסְט פוּן דִיא רוֹיטֶע יוּדְלִיךְ וָואס זִיצְטֶען פוּן יֶענֶער זַייט סַמְבַּטְיוֹן. אֵיינֶער פוּן דִיא בַּטְלָנִים טוּהְט אַפְרֶעג: וָואס פַאר אַלָשׁוֹן קָאן זַיין בַּייא דִיא רוֹיטֶע יוּדְלִיךְ? אַטְהֵייל זָאגֶען: לָשׁוֹן קֹדֶשׁ, אַנְדֶערֶע מֵיינֶען: אַז תַּרְגוּם לָשׁוֹן.

— אִיהר וַוייסְט נִיט קֵיינֶער אוֹיף רִיכְטִיג, הָאט הערשיל זִיךְ אַרַיינְגֶעמִישְׁט.

— אוּנ דוּא וַוייסְט, הערשיל? הָאט אֵיינֶער פוּן זֵייא אִיהם אַפְרֶעג גֶעטָאן אוֹיף חוֹזֶק.

— יַא, אִיךְ וֵוייס בֶּעשְׁטִימְט!

— נָא, לָאם מִיר הֶערֶען וָואס פַאר אַלָשׁוֹן אִיז דָא בַּייא דִיא רוֹיטֶע יוּדְלֶעךְ?

— אַזַא לָשׁוֹן וִויא בַּייא אוּנְז אַלֶע: אַ רוֹיטֶע. אַלֶע הָאבֶּען זִיךְ צוּלַאכְט פוּן דֶעם אַנְטְווָארְט.

(וֶוען דֶער לֶעזֶער וֶועט זִיךְ דֶערְמָאהנֶען אַז לָשׁוֹן אִיז אוֹיךְ דִיא טַייטְשׁ אַ צוּנְג וֶועט עֶר פַארְשְׁטֶעהן דֶעם ווִיץ).

13.

## אַ פַּאטְשׁ פַאר אַ פַּאטְשׁ.

אֵיינֶער פוּן דֶעם רֶבִּינס גַבָּאִים הָאט גֶעהַאט זֶעהר אַ בֵּייז וַוייבּ, וֶועלְכֶע פְלֶעגְט אָפְט מָאל אוּנְטֶער פַּאטְשֶׁען דֶעם מַאן. אֵיין מָאל זָאגְט דֶער דָאזִיגֶער גַבַּאי אִין אַ וֶוערְטִיל צוּ הערשלין:

— אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט, אַז נֶעכְטִין בַּייא נַאכְט הָאט אוֹיף דִיר גֶעגָאסֶען אַ רֶעגֶען פוּן דֶער פָּאמוּנִיצֶע וָואס דַיין וַוייבּ הָאט אוֹיסְגֶעגָאסֶען אוֹיף דַיין קָאפּ.

— דָאס אִיז אֶמֶת! — עֶנְטְפֶערְט הערשיל — נָאר פְרִיהֶער אָבֶּער הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אַ דוּנֶער, וָואס דַיין וַוייבּ הָאט גֶעמַאכְט, וֶוען זִיא הָאט אוֹיסְגֶעפַּאטְשְׁט דַיינֶע בַּאקֶען, אוּנ פוּן דֶעם דוּנֶער הָאט זִיךְ נָאכְדֶעם גֶענוּמֶען דֶער רֶעגֶען.

אַלֶע הָאבֶּען זִיךְ צוּלַאכְט אוּנ דֶער אוּנְגְלִיקְלִיכֶער גַבַּאי אִיז פַאר בּוּשָׁה אַנְטְלָאפֶען גֶעוָוארֶען.

14.

## דֶער חִלוּק פוּן אַ עֶזֶעל בִּיז דֶעם נַאר:

אויף אַ בְּרִית מִילָה, אויף וֶועלְכֶען עֶס הָאט זִיךְ פֶערְזַאמֶעלְט אַ גְרויסֶער עוֹלָם, הָאט הערשיל מִסְתָּמָא אויךְ נִיט גֶעפֶעהלְט אוּנ הָאט אוּנְטֶערְגֶעהַאלְטֶען דֶעם עוֹלָם מִיט זַיינֶע קְלוּגֶע וִויטְצֶען.

אַיינֶער פוּן דֶעם עוֹלָם, וֶועלְכֶען מֶען הָאט גֶערוּפֶען חייקעל חַקְרָן, הָאט נִיט גֶעקָאנְט לַיידֶען זַיינֶע נַארִישְׁקַייטֶען. צוּם אוּנְגְלִיק אִיז אִיהם נָאךְ אויסְגֶע-קוּמֶען צוּא זִיטְצֶען פּוּנְקְט אַנְטְקֶעגֶען הערשלין. דָא הָאט עֶר זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶועזֶען צוּא גֶעבֶּען אִיהם אַ שְׁטָאךְ וָוארְט, אֶפְשַׁר וֶועט עֶר שׁוֹין דֶעמָאלְט קְלוּג וֶוערִין אוּנ וֶועט אויפְהֶערִין צוּא פְּלוידֶערן נַארִישְׁקַייט.

אוּנ עֶר טוּהְט אַ פְרֶעג הערשלען:

— זָאג מִיר, הערשיל: וִויא וַוייט אִיז פוּן דִיר בִּיז דָאס נַארִישֶׁע עֶזֶעל?

— נָאר נִיט וַוייט! — עֶנְטְפֶערְט הערשיל — נָאר דֶער טִישׁ אַלֵיין שַׁיידֶעט אוּנְז אָב אֵיינְס פוּנְ׳ם אַנְדֶערִן.

דֶער חקרן הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען דָאס שְׁטָאךְ-וָוארְט אוּנ הָאט פֶערְבִּיסֶען מִיט דִיא לִיפֶּען.

15.

## גְרִיבֶּעס מִיט טַארַאקַאנֶעס.

דָאס וַוייבּ פוּן דֶעם פַּרְנָס-חֹדֶשׁ פוּן הערשילס שְׁטָאט הָאט שְׁטַארְק לִיעבּ גֶעהַאט צוּא עֶסֶען גְרִיבֶּעס אוּנ חָאטְשֶׁי דָאס הָאט אִיהר פֶערְשַׁאדֶעט אוּנ אִיז אַלֶע מָאל קְרַאנְק גֶעוָוארֶען, דָאךְ הָאט זִיא זִיךְ נִיט גֶעקָאנְט אָבְּגֶעוואוֹנֶען פוּן דֶעם זִיסֶען מַאֲכָל. אִיהר מַאן הָאט דֶער פוּן גְרוֹיסֶע יְסוּרִים גֶעהַאט, וַוייל עֶר הָאט שְׁטַארְק לִיעבּ גֶעהַאט דָאס וַוייבּ. עֶר הָאט הערשלין דֶערְצֶעהלְט זַיינֶע צָרוֹת אוּנ הערשיל הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען אָבּ גֶעוואוֹנֶען דָאס וַוייבּ פוּן דִיא גְרִיבֶּעס. אוּנ אָט וָואס עֶר הָאט גֶעטָאהן:

דָאס וַוייבּ פוּן דֶעם פַּרְנָס-חֹדֶשׁ הָאט שְׁרֶעקְלִיךְ נִיט גֶעקָאנְט קוּקֶען אויף שְׁוַוארְצֶע טַארַאקַאנֶעס. הערשיל הָאט דָאס גֶעוואוּסְט אוּנ הָאט עֶס בֶּענוּצְט פַאר אַ מִיטֶעל אויף אויסְצוּפִיהרֶען זַיין פְּלַאן. עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט אִין מַארְק וַוייסֶע גְרִיבֶּעס, הָאט זֵייא צוּשְׁפָּאלְטִין אוּנ אָנְגֶעפִילְט זֵייא מִיט אַסַךְ לֶעבֶּעדִיגֶע טַארַאקַאנֶעס אוּנ נָאכְדֶעם וִויא עֶר הָאט צוּרִיק גַאנְץ גֶעמַאכְט דִיא גְרִיבֶּעס הָאט עֶר עֶס אוּנְטֶערְגֶעטְרָאגֶען פַאר אַ מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת צוּם וַוייבּ פוּן דֶעם פַּרְנָס-חֹדֶשׁ, דָאס וַוייבּ הָאט גֶערְן צוּגֶענוּמֶען בַּייא אִיהם דִיא טְהַייעֶרֶע מַתָּנָה אוּנ הָאט גֶעהֵייסֶען אִיהר קֶעכְנֶע זִיא זָאל זֵייא אַבַּיין נֶעהמֶען אִין קִיךְ אוּנ אָבּ בְּרָא-טֶען זֵייא.

הערשיל (ה׳ אסטראפאליער)

הערשיל הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהַאפְּט עֶר זָאל זַייא אַלֵיין אַרַיין טְרָאגֶען אִין קִיךְ אוּנ זָאל אַכְטוּנְג גֶעבֶּען אוֹיף דֶער קֶעכְנֶע זִיא זָאל נִיט עֶנְטְדֶעקֶן זַיין חִיטְרֶע אַיינְפַאל.

בַּאלְד זַיינֶען דִיא גְרִיבֶּעס פַארְטִיג גֶעוָוארֶען אוּנ הערשיל אִיז צוּרִיק אַריינְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטוּבּ. דִיא בַּעַל הַבַּיִתְ'טֶע הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶועןן הערשלין מִיט אַ פוּלֶען טֶעלֶער מִיט גְרִיבֶּעס. הערשיל הָאט זִיךְ נִיט אָבְּגֶעזָאגְט פוּן דֶעם כִּבּוּד אוּנ דִיא בַּעַל הַבַּיִתְ'טֶע הָאט דֶערְוַוייל שׁוֹין אוֹיפְגֶעגֶעסֶען עֶטְלִיכֶע גְרִיבֶּעס.

פְּלוּצִים הֵייבְּט זִיךְ אָן הערשיל צוּא קְרִימֶען, חַאפְּט אוֹיס בַּייא דֶער בַּעַל הַבַּיִתְ'טֶע דִיא גְרִיבֶּעס אוּנ נָאכְדֶעם וִויא עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעוָוארְפֶען זַיין טֶעלֶער מִיט גְרִיבֶּעס, לוֹיפְט עֶר אַרוֹיס פוּן דֶעם טִישׁ אוּנ הֵייבְּט אָן צוּא שְׁרַייעֶן: „מֶען הָאט מִיךְ אָבְּגֶענַארְט! אָבְּגֶענַארְט! טַארַאקַאנֶעס“!

דִיא בַּעַל הַבַּיִתְ'טֶע אִיז אוֹיפְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן אִיהר אָרְט, הָאט גֶענוּמֶען בֶּעטְרַאכְטֶען דִיא גְרִיבֶּעס אוּנ הָאט וִוירְקְלִיךְ דָארְט גֶעפוּנֶען טַארַאקַאנֶעס. זִיא הָאט גֶענוּמֶען בֶּעטְרַאכְטֶען דִיא רוֹיהֶע גְרִיבֶּעס: זִיא הָאט אוֹיפְגֶעשְׁפָּאלְטֶין אֵיינֶע פוּן זַייא, אִיז אַרוֹיסְגֶעקְרָאכֶען אַ לֶעבֶּעדִיגֶער שְׁוַוארְצֶער טַארַאקַאן, דֶעם צְוֵוייטִין, דָעם דְרִיטֶען — אוֹיךְ דִיא אֵיינֶענֶע מַעֲשֶׂה! דִיא בַּעַל הַבַּיִתְ'טֶע אִיז חַלָשׁוֹת גֶעפַאלֶען אוּנ פוּן דֶעמָאלְט אָן הָאט זִיא שׁוֹין מֶעהר נִיט גֶעקָאנְט קוּקֶען אוֹיף דִיא גְרִיבֶּעס.

הערשיל הָאט אֲפִילוּ גֶעלֵייזְט שֵׁיינֶע עֶטְלִיכֶע שְׁטֶעקִינְס אוֹיף זַיין פְּלֵייצֶע פוּן דֶעם פַּרְנֵס-חֹדֶשׁ פַאר דִיא שְׁרֶעק וָואס עֶר הָאט פֶערְשַׁאפְט זַיין וַוייבּ, נָאר נָאכְדֶעם הָאט עֶר אִיהם אִיבֶּערְגֶעבֶּעטֶען אוּנ הָאט אִיהם אַוֶועקְגֶעשֶׁענְקְט זַיין שַׁבָּת'דִיגֶע קַאפָּאטֶע.

16.

## פַאר מַיין פְּרַייז פֶערְקוֹיף אִיךְ.

דִיא קַאפָּאטֶע וָואס הערשיל הָאט בֶּעקוּמֶען פַאר אַ מַתָּנָה פוּנ'ם פַּרְנֵס-חֹדֶשׁ אִיז נָאךְ גֶעוֶועזֶען אַ גַאנְץ נַייעֶ אוּנ אַ טְהַייעֶרֶע. אֵיין מָאהל אִין אַ יוֹם טוֹב וֶוען הערשיל הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעפְּרַאנְטֶעט אִין דֶער דָאזִיגֶער קַאפָּאטֶע, גֶעהט עֶר זִיךְ שְׁפַּאצִירֶען אִיבֶּער דֶער שְׁטָאט מִיט דֶעם שְׁטֶעקֶען אִין דֶער הַאנְד. עֶס קוּמְט אִיהם אַנְטְקֶעגֶען דֶער מְשָׁרֵת פוּן דֶעם פַּרְנֵס-חֹדֶשׁ אוּנ פְרֶעגְט אִיהם, אוֹיבּ עֶר וָואלְט נִיט אַ בְּעלָן גֶעוֶוען אִיהם פֶערְקוֹיפֶען דִיא קַאפָּאטֶע.

— אָךְ, פַאר וָואס דֶען נִישְׁט! — עֶנְטְפֶערְט הערשיל — אִיךְ קֶען זִיא דִיר אֲפִילוּ פֶערְקוֹיפֶען פַאר דֶער פְּרַייז וָואס זִיא קָאסְט מִיךְ אַלֵיין.

אוּנ מִיט דִיא וֶוערְטֶער הָאט עֶר גֶעהַאפְּט דֶעם שְׁטֶעקֶען אוּנ הָאט מִיט

אִיהם אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּא שְׁלָאגֶען דֶעם מְשָׁרֵת, צֶעהלֶענְדִיג דִיא קְלֶעפּ: אֵיינְס, צְוֵוייא, דְרַייא, א. ז. וו.

דֶער מְשָׁרֵת אִיז מִיטִין גְרֶעסְטִין כַּעס אַנְטְלָאפֶען גֶעווָארֶען צוּם פַּרְנֵס-חֹדֶשׁ אוּנ הָאט אִיהם דֶערְצֶעהלְט וָואס הערשיל הָאט אִיהם גֶעטָאהן.

דֶער פַּרְנֵס-חֹדֶשׁ הָאט גֶעשִׁיקְט נָאךְ הערשלין אוּנ פְרֶעגְט אִיהם, הֶעכְסְט אוֹיפְגֶעבְּרַאכְט:

— וִויא אַזוֹיא הָאסְט דוּא זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ שְׁלָאגֶען מַיין מְשָׁרֵת אִין מִיטִין נַאס, וֶוען עֶר הָאט דִיךְ גָאר נִיט בֶּערִיהרְט?

— נֵיין, עֶנְטְפֶערְט הערשיל, אִיךְ הָאבּ אִיהם נִיט גֶעשְׁלָאגֶען, נָאר פֶּערְקוֹיפְט הָאבּ אִיךְ אִיהם דִיא קַאפָּאטֶע פַאר דֶער זֶעלְבֶּער פְּרַייז וָואס זִיא קָאסְט מִיךְ אַלֵיין.

— אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה דִיךְ נִיט, רֵייד דַייטְלִיכֶער!

— דִיא מַעֲשֶׂה דֶער פוּן אִיז אַזוֹיא — זָאגְט הערשיל — דִיא דָאזִיגֶע קַאפָּאטֶע הָאבּ אִיךְ בֶּעקוּמֶען פוּן אַייךְ פַאר אַ מַתָּנָה, נָאר אֵיידֶער אִיהר הָאט זִיא מִיר גִיגֶעבֶּען, הָאט אִיהר פְּרִיהֶער אָבְּגֶעצֶעהלְט צְוַואנְצִיג שְׁטֶעקִינְס אוֹיף מַיין פְּלֵייצֶע. אוּנ אַזוֹיא וִויא אַייעֶר מְשָׁרֵת אִיז מְרוּצֶה גֶעוָוארֶען צוּא קוֹיפֶען בַּייא מִיר דִיא קַאפָּאטֶע פַאר דֶער פְּרַייז וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאצָאהלְט, הָאבּ אִיךְ אַנְגֶעהוֹיבֶּען אִיהם אָבּ צוּצֶעהלֶען מַיין פְּרַייז.

דֶער פַּרְנֵס-חֹדֶשׁ הָאט זִיךְ צוּלַאכְט. נָאר פַאר דֶעם קְנַס וָואס הערשיל הָאט מְבַיֵּישׁ גֶעשְׁטֶעלְט דֶעם מְשָׁרֵת, הָאט עֶר אִיהם גֶעהֵייסֶען עֶר זָאל דֶעם מְשָׁרֵת אַוֶועקְגֶעבֶּען דִיא קַאפָּאטֶע.

הערשיל אִיז גֶעוָוארֶען אַ צוּקְאכְטֶער.

— שְׁטַייטְשׁ, שְׁרַייט עֶר, וואוּ אִיז דָאס גֶעהֶערְט גֶעוָוארֶען אִין דֶער וֶועלְט אַזַא אוּמְרֶעכְט?

— וָואס אִיז דָאס פַאר אַזַא אוּמְרֶעכְט? פְרֶעגְט אִיהם דֶער פַּרְנֵס-חֹדֶשׁ.

— אַוַדַאי! — שְׁרַייט הערשיל — מִיךְ קָאסְט דִיא קַאפָּאטֶע צְוַואנְצִיג שְׁטֶעקִינְס אוֹיף מַיין אָרְמֶער פְּלֵייצֶע, אוּנ אַייעֶר מְשָׁרֵת הָאט נָאר זֶעכְס שְׁטֶעקִינְס פוּן מִיר בֶּעקוּמֶען! הֵייסְט זְשֶׁע אִיהם עֶר זָאל פוּן מִיר בֶּעקוּמֶען דִיא אִיבֶּערִיגֶע 14 שְׁטֶעקִינְס אוּנ לָאם אִיךְ נִיט לַיידֶען קֵיין הֶיזֵק!...

נָאר דֶער מְשָׁרֵת הָאט זִיךְ אִיבֶּער גֶעשְׁרָאקֶען פַאר הערשילס שְׁטֶעקִינְס אוּנ הָאט זִיךְ אָבְּגֶעזָאגְט פוּן דֶער קַאפָּאטֶע.

17.

## הֶערְשִׁיל בֶּעשְׁטְרָאפְט זַיין וַוייבּ.

הערשילס וַוייבּ — אַ יוּדֶענֶע אָהן חָכְמוֹת, פְּלֶעגְט קֵיין מָאל נִיט פָאלְגִין דָעם מַאן, שְׁטָענְדִיג הָאט זִיא גֶעטָאהן קַאפּוּיר וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט. דָאס הָאט הערשלין פֶערְדְרָאסֶען אוּנ עֶר הָאט זִיךְ בֶּעשְׁלָאסֶען עֶר זָאל זִיא בֶּע-שְׁטְרָאפֶען אַזוֹיא וִויא אִיהם פַּאסְט.

עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ חָשׁוּב בַּיי׳ם פְּרִיץ פוּן דֶער שְׁטָאט, וֶועלְכֶער אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גֶערִיהמְטֶער צַאהנְאַרְצְט.

אֵיין מָאל קוּמְט הערשיל אַרַיין צוּא אִיהם מִיט אַ פֶערְזָארְגְט פְּנִים.

— וָואס אִיז, הערשיל? וָואס בִּיזְט דוּא אַזוֹיא פֶערְזָארְגְט? פְרֶעגְט אִים דֶער פְּרִיץ.

— אַךְ, פְּרִיץ! דָאס וַוייבּ מַיינְס נִיט מִיר גָאר קֵיין מְנוּחָה נִיט: הָאטְשׁ נֶעהם אוּנ אַנְטְלוֹיף אִין דֶער וַוייטֶער וֶועלְט אַרַיין! ווִיפִיעל מָאל אִיךְ הָאבּ זִיא שׁוֹין גֶעבֶּעטֶען זִיא זָאל זִיךְ לָאזֶען אַרוֹיסְנֶעהמֶען דֶעם שְׁלַאפֶען צָאהן, אִיז זִיא אָבֶּער אַיין עַקְשָׁן אוּנ וִויל דָאס אֲפִילוּ נִיט הֶערִין. סַיידֶען דוּא אַלֵיין זָאלְסְט זִיךְ נֶעהמֶען צוּא אִיהר...

— שֵׁיין! — הָאט גִיעֶנְטְפֶערְט דֶער פְּרִיץ. — אִיךְ וֶועל אִיהר בֶּעפְרַייֶען פוּן דֶעם קְרַאנְקֶען צָאהן, דֶעמָאלְט וֶועט אִיהר בֵּיידֶע בֶּעפְרַייעט וֶוערִין פוּן דִיא שְׁמֶערְצִין.

אוּנ נֶעהמֶענְדִיג אַ קְלֵיין צְוַואנְגֶעל הָאט דֶער פְּרִיץ זִיךְ אַרַיין גֶעזֶעצְט מִיט הערשלען אִין זַיין קַארֶעטֶע, אוּנ זַיינֶע צְוַוייא בֶּעדִינְטֶע — גֶעזוּנְטֶע פּוּיֶערְן — הָאט עֶר גֶעהֵייסֶען נָאכְגֶעהן אוּנ זַיינֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּא הערשילס וָואהנוּנְג.

דֶער פְּרִיץ פְרֶעגְט הערשילס וַוייבּ וֶועלְכֶער צָאהן עֶס טוּהְט אִיהר וֶועה אוּנ נִיט אִיהר אַיין עֵצָה זִיא זָאל זִיךְ לָאזֶען אוֹיסְרַייסֶען דֶעם צָאהן. הערשילס וַוייבּ שְׁוֶוערְט זִיךְ גֶעבִּיךְ מִיט כָּל הַשְּׁבוּעוֹת אַז אִיהר טוּהְט גָאר קֵיין מָאהל נִיט וֶועה קֵיין צָאהן, נָאר הערשיל שְׁטֶעהט אוּנְטֶער דֶעם פְּרִיץ אוּנ רוּימְט אִיהם אַיין אַ סוֹד אַז דָאס וַוייבּ פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ, זִיא נַארְט אָבּ.

דֶער פְּרִיץ הֵייסְט זַיינֶע צְוַוייא בֶּעדִינְטֶע זַייא זָאלֶען זִיא אַנִידֶער זֶעטְצִין אוֹיף אַ בַּאנְק אוּנ פֶעסְט צוּהַאלְטִין זִיא. עֶר פְרֶעגְט הערשלין וֶועלְכֶער צָאהן אִיז אַ שְׁלַאפֶער בַּייא אִיהר אוּנ הערשיל וַוייזְט אִיהם אוֹיף דֶעם גֶעזוּנְדֶעסְטֶען צָאהן אוּנ וִויא אַזוֹיא דִיא אָרֶמֶע פְרוֹיא הָאט נִיט גֶעשְׁרִיגֶען פוּן וֶועהטִיג, הָאט דֶער פְּרִיץ אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם שְׁטַארְקְסְטֶען צָאהן פוּן אִיהר מוֹיל.

שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער פְּרִיץ גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען פוּן הערשילס אֵיינְפַאל אוּנ הָאט אַ לַאנְגֶע צַייט גֶעלַאכְט. נָאר הערשילס וַוייבּ הָאט פוּן דֶעמָאלְט אָן שׁוֹין תָּמִיד גֶעפָאלְגְט דֶעם מַאן.

(ה' אסטראפאליער) הערשילם

18.

## הֶערְשִׁילְם שׁוּטְקֶעס.

דֶער רַבִּי ר׳ ברוכ׳ל אִיז אַיין מָאהל אַרַיינְגֶעפַאלֶען אִין אַזַא גְרוֹיסֶער מָרָה שְׁחוֹרָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ פֶערְמַאכְט אִין זַיין צִימֶער אוּנ הָאט קֵיינֶעם נִיט גֶעהֵייסֶען אַרַיינְקוּמֶען צוּא זִיךְ, אֲפִילוּ קֵיין עֶסֶען הָאט עֶר זִיךְ נִיט גֶעהֵייסֶען אַרַיין טְרָאגֶען.

דִיא רֶבִּיצִין הָאט גֶעבֶּעטֶען הערשלין עֶר זָאל זֶעהֶען מִיט עֶפֶּעס צוּא פֶערְטְרַייבֶּען פוּנ׳ם רֶבִּין דִיא מָרָה שְׁחוֹרָה. נָאר וָואס קָאן מֶען דָא טָאהן, אַז דֶער רַבִּי הָאט פֶערְזָאגְט קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִיט וַואגֶען צוּא אִיהם אַרַיין קוּמֶען?

דָאךְ אוּנְזֶער הערשיל אִיז בַּייא זִיךְ נִיט אַרָאבּ גֶעפַאלֶען.

אַזוֹיא וִויא צוּם רֶבִּין אִין שְׁטִיבִּיל הָאט עֶר נִיט גֶעטָארְט אַרַיין קוּמֶען, הָאט עֶר זִיךְ אַרָאבּ גֶעלָאזְט אִין קוֹימֶען, אוּנ פוּן דָארְט אִין רוּבֶּע, וֶועלְכֶע אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען גְלַייךְ צוּם רֶבִּין אִין שְׁטִיבֶּעל.

אוֹיסְשְׁמִירֶענְדִיג זִיךְ דָאס פְּנִים מִיט סַאזְשֶׁע, הָאט הערשיל גֶעזֶעהֶן, וִויא דֶער רַבִּי זִיצְט אָנְגֶעשְׁפַּארְט מִיט בֵּיידֶע הֶענְד דֶעם קָאפּ בַּיי׳ם טִישׁ גֶעגֶען דֶעם שְׁפִּיגֶעל אוּנ דָאס אִיז פּוּנְקְט אוֹיסְגֶעקוּמֶען גֶעגֶען דֶער רוּבֶּע.

הערשעל הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט דָאס שְׁוַוארְצֶע פָּנִים זַיינְס אוּנ דֶער רַבִּי הָאט פְּלוּצִים דֶערְזֶעהֶן אִין שְׁפִּיגֶעל דָאס אוֹיסְגֶערִיסְטֶע אוּנ פָערְהוּשֶׁכְ׳טֶע צוּרָה. עֶר הָאט אַקוּק גֶעטָאהן צוּא דֶער מְהִיר — צוּא זֶעהֶען וֶוער עֶס אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּא אִיהם, נָאר הערשיל הָאט זִיךְ דֶערְוַוייל בֶּעהַאלְטֶען אִין דֶער רוּבֶּע. דֶער רַבִּי הָאט זִיךְ וִוידֶער פֶערְטִיעפְט אִין זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען. נָאר אִין עֶטְלִיכֶע מִינוּט שְׁפֶּעטֶער הָאט זִיךְ וִוידֶער בֶּעווִיזֶען אִין שְׁפִּיגֶעל דָאס פֶערְשְׁמִירְטֶע פָּנִים. דֶער רַבִּי הָאט זִיךְ וִוידֶער אוּמְגֶעקֶעהְרְט אוּנ הערשיל אִיז וִוידֶער פֶערְשְׁווּאוּנְדֶען. דֶער רַבִּי הָאט אַרַיינְגֶערוּפֶען דֶעם גַבַּאי אוּנ הָאט אִיהם גֶעהֵייסֶען אוֹיסְזוּכֶען אִין אַלֶע ווִינְקֶעלִיךְ נָאר עֶר הָאט קֵיינֶעם נִיט גֶעפוּנֶען. דֶער גַבַּאי אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּנ דֶער רַבִּי הָאט זִיךְ וִוידֶער פֶערְטִיעפְט אִין זַיינֶע פֶערְזָארְגְטֶע גֶעדַאנְקֶען.

פְּלוּצִים דֶערְזֶעהט עֶר וִויא פוּן דֶעם קוֹימֶען פוּן דֶער רוּבֶּע קוּקְט אַרוֹיס אַ שְׁוַוארְצֶע צוּרָה פוּן אַ מֶענְשׁין. מֵיינֶענְדִיג אַז דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ גַנָב, הָאט דֶער רַבִּי גֶעחַאפְּט זַיין שְׁוֶוערִין שְׁטֶעקִין אוּנ צוּלוֹיפֶענְדִיג מִיט אִיהם צוּא דֶער רוּבֶּע הָאט עֶר אַגֶעשְׁרַייא גֶעטָאהן:

— אַרוֹיס פוּן דַאנֶען, אַז נִיט צוּשְׁפַּאלְט אִיךְ דִיר דָארְט דֶעם קָאפּ!

נָאר קֵיין אַנְטְוָוארְט אִיז נִיט גֶעקוּמֶען.

דֶער רַבִּי הָאט אִיבֶּער גֶעחַזֶרְט זַיין בַּאפֶעהל.

קֵיין אַנְטְוָוארְט אִיז אַלְץ נִיט גֶעקוּמֶען.

(ה׳ אספראפאליער)

דַאן הָאט דֶער רַבִּי אָנְגֶעהוֹיבֶּען מִיט כַּעַס צוּשְׁלָאגֶען מִיט דֶעם שְׁטֶעקִין אִין קוֹימֶען אוּנ בַּאלְד דֶערוֹיף הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט פוּן דֶעם קוֹימֶען אַ גֶעפִּילֶעדַייא פוּן הִינְד אוּנ נָאכְדֶעם אַ מְיוּקֶעדַייא פוּן קֶעץ. אוֹיפְ׳ן סוֹף אִיז הערשיל אַרוֹיסְגֶעקְרָאכֶען פוּן דֶעם קוֹימֶען שְׁוַוארְץ וִויא אַרוּחַ אוּנ הָאט אִיבֶּערְגֶעבֶּעטִין דֶעם רֶבִּין אוּנ גֶעזָאגְט צוּא אִיהם:

— זַייט מִיר מוֹחֵל, רַבִּי, וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ אַבִּיסֶעל דַאקוּטְשֶׁעט. וָואס זְשֶׁע דֶען הָאבּ אִיךְ גֶעזָאלְט טָאהן: אַז צוּא אַייךְ אִין שְׁטוּבּ הָאבּ אִיךְ נִיט גֶעטָארְט אַרַיינְקוּמֶען, הָאבּ אִיךְ מִיר גֶעפוּנֶען אַיין אָרְט דוּרְךְ דֶעם קוֹימֶען.

— וואוּ זְשֶׁע בִּיזְטוּ גֶעוֶוען דִיא גַאנְצֶע צַייט וָוען אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁלָאגֶען מִיט דֶעם שְׁטֶעקִין אִין קוֹימֶען?

— שׁוֹמֵר פְּתָאִים ד׳, שְׁטֶעהט אִין תְּהִלִּים — הָאט הערשיל גִיעֶנְטְפֶערְט — אִיךְ בִּין אִין דֶער גַאנְצֶער צַייט גֶעשְׁלָאפֶען אִין קוֹימֶען.

אוּנ דָא הָאט הערשיל גֶענוּמֶען גֶענִיצֶען אוּנ אוֹיסְצִיהֶען זִיךְ, פּוּנְקְט וִויא עֶר אִיז עֶרְשְׁט פוּן דֶעם שְׁלָאף אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען. דָאס אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזוֹיא קָאמִישׁ, אַז דֶער רַבִּי הָאט זִיךְ גֶעמוּזְט צוּלַאכֶען. עֶר הָאט אַרַיינְגֶערוּפֶען דִיא רֶבִּיצִין אוּנ דֶערְצֶעהְלְט אִיהר אוֹיף הערשלען הָאבֶּען זַייא בֵּיידֶע לַאנְג גֶעלַאכְט.

19.

## פָּארְזֶעטְצוּנְג פוּן הערשילס שְׁטוּקֶעס.

דֶער פָּרִיץ, בַּייא וֶועמֶען הערשיל אִיז גֶעוֶוען חָשׁוּב, הָאט זִיךְ אַמָאל צוּבֵּייזֶערְט אוֹיף דֶעם אַרֶענְדַאר זַיינֶעם אוּנ הָאט אִיהם גֶעהֵייסֶען אָבְּלָאזֶען דִיא אַרֶענְדָא. דֶער אַרֶענְדַאר הָאט גֶעבֶּעטִין הערשלין עֶר זָאל אִיהם דָא זֶעהֶען אַטוֹבָה טָאהן בַּיי׳ם פָּרִיץ. הערשיל אִיז זוּנְטִיג אִין דֶער פְרִיא אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען צוּם אִיסְפְּרַאוְונִיק אוּנ הָאט אִיהם גֶעזָאגְט, אַז דֶער פָּרִיץ הָאט גֶעהֵייסֶען עֶר זָאל בִּיז זַייגֶער 12 צוּנוֹיפְזַאמְלֶען אַלֶע מֶענְשִׁין פוּן דֶער שְׁטָאט וָואס הָאבֶּען לִיסֶע קֶעפּ אוּנ זָאלֶען אוֹיסְשְׁטֶעלֶען זַייא אִין צְוַוייא שׁוּרוֹת נֶעבֶּען דֶער קִירְכֶע.

— צוּא וָואס דַארְף עֶר דָאס?

— וֶוער קָאן וִויסֶען וָואס אַ פָּרִיץ פֶּערְגְלוּסְט זִיךְ! הָאט הערשיל גֶעעֶנְטְפֶערְט.

דֶער אִיסְפְּרַאוְונִיק הָאט מִיט גְרוֹיס מִיהֶע קוֹים אַבְּגֶעזוּכְט 96 מֶענֶער מִיט לִיסֶע קֶעפּ אוּנ הָאט זַייא אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אִין צְוַוייא שׁוּרוֹת אִין דְרוֹיסֶען נֶעבֶּען דֶער קִירְכֶע.

פּוּנְקְט זַייגֶער 12, וָוען עֶס הָאט זִיךְ גִיעֶנְדִיגְט דָאס גִיבֶּעט אִין דֶער קִירְכֶע אִיז דֶער פָּרִיץ פוּן דָארְט אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען. דֶער טָאג אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶער, דִיא זוּן הָאט גֶעשַׁיינְט. פְּלוּצִים הָאבֶּען אַלֶע 96 מֶענֶער אוֹיף אַיין

מָאל אַרָאבּ גֶעהַאפְּט דִיא הִיטְלֶען פוּן דִיא קֶעפּ אוּנ דִיא זוּן הָאט בֶּעלוֹיכְטֶען זַייעֶרֶע נַאקֶעטֶע קֶעפּ.

— וָואס זָאל דָאס בֶּעדַייטֶען? — הָאט דֶער פְּרִיץ גֶעפְרֶעגְט דֶעם אִיסְפְּרַאוְנִיק.

— אַייעֶר דוּרְכְלוֹיכְט! — הָאט זִיךְ פַארֶענְטְפֶערְט דֶער אִיסְפְּרַאוְנִיק — הָאט דָאךְ דָאס בֶּעפוֹילֶען דוּרְךְ הערשלין אוּנ אִיךְ הָאבּ רִיכְטִיג עֶרְפִילְט אַייעֶר בַּאפֶעהל.

דֶער פְּרִיץ הָאט זִיךְ צוּלַאכְט אוֹיף הערשׁילס שׁוּטְקֶע.

אִין דֶעם הָאט זִיךְ הערשׁיל בֶּעוִויזֶען פַאר דֶעם פְּרִיץ.

— זַייט מִיר מוֹחֵל, פַּאן! הָאט עֶר גֶעזָאגְט, וָואס אִין דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאט הָאבֶּען זִיךְ נָאר גֶעפוּנֶען 96 לִיסֶע קֶעפּ, דֶען פוּן דִיא אִיבֶּערִיגֶע קֶעפּ הָאט נָאךְ נִיט אוּסְפֵּייעֶט דִיא הָאר אוֹיסְצוּקְרִיכֶען.

דֶער פְּרִיץ הָאט וַייטֶער גֶעלַאכְט אוּנ הערשׁיל הָאט בֶּענוּצְט דִיא אוֹיפְגֶעלֶעגְטֶע צַייט אוֹיסְצוּבֶּעטֶען בַּייא דֶעם פְּרִיץ עֶר זָאל צוּרִיק אָפְּגֶעבֶּען דֶעם אַרֶענְדַאר זַיין אַרֶענְדֶע.

20.

## הערשׁיל וֶוערְט אַ דָאקְטָאר.

אַ אַלְטֶע מוֹיד, שׁוֹין אַרִיבֶּער דְרַייסִיג יָאהר, הָאט אָפְּט גֶעלִיטֶען פוּן קָאפְּשְׁמֶערְצֶען. אִין דֶעם הָאט זִיא גֶעהֶערְט אַז אַנַייעֶר דָאקְטָאר אִיז אַרָאבּ־גֶעקוּמֶען אִין שְׁטֶעטִיל אוּנ הָאט גֶעשִׁיקְט אִיהם רוּפֶען.

דֶער נַייעֶר דָאקְטָאר אִיז גֶעוֶוען טַאקֶע אוּנְזֶער הערשׁיל. אִיהם הָאבִּין זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעלָאזְט אַלֶע שׁוּטְקֶעס, הָאט עֶר זִיךְ מְיַשֵׁב גֶעוֶוען אוּנ הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגֶעבֶּען פַאר אַ דָאקְטָאר.

הערשׁיל בֶּעטְרַאכְט דֶעם חוֹלָה אוּנ גֶעפִינְט דִיא סִבָּה פוּן אִיהר שְׁלַאפְקַייט.

— אִיהר מוּזְט חֲתוּנָה הָאבֶּען — זָאגְט עֶר אִיהר קוּרְץ — וֶועט אִיהר קָאלְקָאם גֶעזוּנְד וֶוערֶען.

— עֶס קָאן זַיין אַז אִיהר זַייט גֶערֶעכְט, אִיךְ גְלוֹיבּ אַייךְ הֶער דָאקְטָאר. אִיךְ וֶועל פָאלְגִין אַייעֶר עֵצָה. גֶעפִינְט זֶעה מִיר אַ חָתָן.

— אִיךְ בִּין נִיט קֵיין שַׁדְכָן, אוּנ קָאן נִיט זַיין קֵיין שַׁדְכָן.

— אַז אִיהר קָאנְט נִיט זַיין קֵיין שַׁדְכָן, זַייט זֶעה מַיין חָתָן.

— נַיין, זָאגְט הערשׁיל, מִיר דָאקְטוֹרִים פֶערְשְׁרַייבֶּען נָאר רֶעצֶעפְּטִין, אָבֶּער מִיר נֶעהמֶען זִייא נִיט אוֹיס.

אדרעססע
Братьямъ Блатницкимъ.
въ Одессу.

בית מסחר הספרים של
# האחים בלאטניצקי
באדעססא.

אדרעססע
Gebrüder Bletnitzky.
Odessa.

303
Hebr. Ej 94 e
Heršel Ostropoljer

# הערשעל
## דער בעריהמטער
# אסטראפאליער

גאַנץ נייע אַנעקדאָטין און סצענעס,
פון דעם בעריהמטען וויצלינג,
וועלכע מעהאט גיפונען פערשריבין
אין דעם אסטראפאליער פנקס.

צונויפגעזאממעלט פאָן

**א. י. בוכבינדער.**

**אין 2 טהייל.**

פערלאג פאָן
געברידער בלעטניצקי
בוכהענדלער
אין אדעססא.

צווייטער טהייל

303

## דֶער בֶּערִיהמְטֶער

# הֶערְשִׁיל אָסְטְרָאפָּאלְיֶער

גַאנְץ נַייֶע אַנֶעקְדָאטֶען , סְצֶענֶעס אוּנ שְׁטִיקֶעס פוּן דֶעם בֶּערִיהמְטֶען
וויצְלִינְג וָואס מֶען הָאט גִיפוּנֶען פֶערְשְׁרִיבִּין אִין דֶעם אָסְטְרָאפָּאלְיֶער פִּנְקָס.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען פוּן

## א. י. בוכבינדער.

וָוער עֶס וִויל גוּט לַאכֶען
אוּנ זִיךְ פְרֶעהלִיךְ מַאכֶען ,
זָאל טַאקֶע שׁוֹין לוֹיפֶען
דָאס בִּיכֶעלֶע קוֹיפֶען .

## צווייטער טהייל

---

הזכות נמכר לצמיתות להאחים בלעטניצקי.

# ווילנא
תרנט.

---

ЗНАМЕНИТЫЙ ГЕРШЕЛЬ-ОСТРОПОЛЕРЪ.
Соч. А. И. Бухбиндера. Часть II.
Изд. и соб. братьевъ Блетницкихъ.

ВИЛЬНА. Тип. Вдовы и бр. Роммъ. Жмуд. пер. собст. домъ № 328.
1899.

Дозволено цензурою Одесса, 31 Марта 1899 г.

21.

## פָּארְטְזֶעטְצוּנְג.

אַיין אַנְדֶערְס מָאל קוּמְט צוּא אִיהם אַ בּוֹיֶער אוּנ בֶּעט אִיהם. ער זָאל אִיהם גֶעבֶּען אַ רְפוּאָה.

— וָואס טוּהְט דִיר וֶועה? פְּרֶעגְט הערשיל.

— אָט דָא אִין דֶער זַייט טוּהְט מִיר זֶעהר וֶועה.

— הֵייבּ אוֹיף דִיא הֶענְד אַרוֹיף אוּנ צִיא דֶעם אָטְהֶעם.

דֶער בּוֹיֶער טוּהְט אַזוֹיא וַויא הערשיל הֵייסְט אִיהם.

— נַא, וָואס הֶערְט זִיךְ? ··· דוּא אָטְהֶעמְסְט שְׁוֶוער?

— נִישְׁט קָשֶׁה ···· עֶנְטְפֶערְט דֶער בּוֹיֶער, נָאר קוּים רִיהר אִיךְ זִיךְ נָאר צוּא צוּא דֶער זַייט, טוּהְט מִיר שׁוֹין וֶועה.

— וַוייסְטוּ וָשֶׁע וָואס, זָאגְט הערשיל, רִיהר זִיךְ קֵיין מָאל נִיט צוּא צוּא דֶער זַייט, וֶועט דִיר מֶעהר נִיט וֶועה טָאהן.

— טַאקֶע? ! שְׁרַייט אוֹיס מִיט פְרַייד דֶער בּוֹיֶער. — לַאנְג לֶעבֶּן זָאלְט אִיהר פַאר דֶער עֵצָה.

---

22.

## פָּארְטְזֶעטְצוּנְג.

אַיין מָאל קוּמְט אַרַיין צוּא הערשלען אַ אַלְטֶע יוּדֶענֶע מִיט אַ גְעוַויין:

— הֶעלְפְט מִיר, רַבִּי דָאקְטָאר! רַאטֶעוֶועט אַ נֶפֶשׁ.

— וָואס פֶעהלְט אַייךְ?

— דֶער קָאפּ בְּרֶעכְט אַזוֹיא, אַז עֶס שְׁטֶעכְט אַז אִין דִיא זַייטֶען.

— מֶען דַארְף לַייגֶען אַ פְּלַאסְטֶער אוֹיף דֶער פָּאטִילְנִיצֶע. נִיט אַהֶער 20 קָאפֵּיקֶעס.

דִיא יוּדֶענֶע גִיט אִיהם דָאס גֶעלְד אוּנ הערשיל מַאכְט אַ פְּלַאסְטֶער אוּנ לַייגְט עֶס אִיהר אַרוֹיף אוֹיף דֶער פָּאטִילְנִיצֶע.

— אִין צְוַייא שָׁעָה אַרוּם זָאלְט אִיהר דָא וִוידֶער זַיין, וֶועל אִיךְ זֶעהן וַויא אַזוֹיא עֶס הָאט אָנְגֶערִיסֶען, אוּנ דֶערְוַוייל גֵייט אַהֵיים.

— שְׁטַייטְשׁ! זָאגְט דִיא יוּדֶענֶע פֶערְוואוּנְדֶערְט, וִויא אַזוֹיא וָשֶׁע זָאל אִיךְ אַהֵיים גֶעהן?

— וָואס הֵייסְט וִויא אַזוֹיא? אַזוֹיא וויא אַלֶע מֶענְשֶׁען גֶעהן.

— אֶפְשַׁר הָאט אִיהר, רַבִּי דָאקְטָאר, נָאךְ אַ פְּלַאסְטֶער?

— צוּא וָואס אִין?

(ה׳ אסטראפאליער) וויא

— וִויא הֵייסְט צוּא וָואס? פַאר מַיין שְׁנוּר! אִיךְ בִּין דָאךְ נִיט קְרַאנְק, נָאר דִיא שְׁנוּר אִיז קְרַאנְק!

— צוּא וָואס זְשֶׁע הָאט אִיהר זִיךְ גֶעלָאזְט לֵייגֶען דֶעם פְּלַאסְטֶער?

— וַוייל אִיךְ הָאבּ נִיט גֶעקָאנְט דֶערְוִוידֶער זַיין אַייעֶרֶע רֵייד.

הערשיל הָאט זִיךְ שְׁטַארְק צוּלַאכְט.

מִיט פִּיעל מִיא הָאט עֶר אָבְּגֶערִיסֶען דֶעם פְּלַאסְטֶער פוּן אִיהר פָּאטִילְנִיצֶע אוּנ זִיא הָאט עֶס אַוֶועקְגֶעטְרָאגֶען דֶער שְׁנוּר.

23.

## פָּארְטְזֶעטְצוּנְג.

וִוידֶער הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען אַ מַעֲשֶׂה אִין הערשילס פְּרַאקְטִיקֶע.

מֶען הָאט אִיהם גֶערוּפֶען צוּא אַ חוֹלֶה. הֵייסְט עֶר דֶעם חוֹלֶה עֶר זָאל אִיהם וַוייזֶען דִיא הַאנְד. הערשיל זֶעהט אַז דִיא הַאנְד אִיז בַּאדֶעקְט מִיט רוֹיטֶע פְּלֶעקִין. זָאגְט עֶר:

— דֶער חוֹלֶה הָאט אַ הִיצִיג שְׁלַאפְקַייט מִיט פְּלֶעקִין, מוּז עֶר שְׁטַארְבִּין, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ זַארַאזֶעט פוּן פֶערְעפוּשְׁטֶע בְּהֵמוֹת.

— וָואס זָאגְט אִיהר, הֶער דָאקְטָאר! — עֶנְטְפֶערְט דֶעם קְרַאנְקֶענְס וַוייבּ, מַיין מַאן אִיז אַ פַארְבֶּער אוּנ פוּן דִיא פַארְבּ אִיז אִיהם רוֹיט דִיא הַאנְד.

— אוֹיבּ אַזוֹיא — זָאגְט הערשיל — אִיז עֶר גְלִיקְלִיךְ וָואס עֶר אִיז אַ פַארְבֶּער, אַז נִיט וָואלְט אִיךְ אִיהם אַצוּנְד שׁוֹין אָבְּגֶעזָאגְט דָאס לֶעבֶּען.

24.

## דִיא לֶעצְטֶע פְּרַאקְטִיקֶע פוּן הערשילס דָאקְטָארַייא.

הערשיל הָאט גֶעהַאט אוֹיסְגֶעצֵייכֶענְט פוּנ׳ם סֵפֶר רְפוּאוֹת אַלֶע רֶעצֶעפְּטִין, הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף קְלֵיינֶע קְוִויטֶעלִיךְ אוּנ וֶוען מֶען הָאט אִיהם גֶערוּפֶען צוּא אַ חוֹלֶה, הָאט עֶר אִיהם גֶעהֵייסֶען אַרוֹיסְצִיהֶען אוֹיף גְלִיק אַ קְוִויטֶעלֶע אוּנ וָואס פַאר אַ רְפוּאָה עֶס אִיז גֶעוֶוען פֶערְשְׁרִיבֶּען אִין דֶעם קְוִויטֶעלֶע, הָאט עֶר עֶס גֶעהֵייסֶען טָאהן.

אַיין מָאל רוּפְט מֶען אִיהם צוּא אַ וַוייבֶּעל, וֶועלְכֶע עֶס הָאט גֶעהַאט אָנְגֶעטְרִיסֶען אַ מַכָּה אִין הַאלְז. הערשיל הָאט אִיהר גֶעהֵייסֶען אַרוֹיסְשְׁלֶעפֶּען אַ קְוִויטֶעלֶע פוּן זַיין טַאשׁ אוּנ הָאט עֶס אִיהר אִיבֶּערְגֶעלֵייהֶענְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט, אַז מֶען זָאל מַאכֶען אַ קַאנֶע.

דָאס וַוייבֶּעל הָאט זִיךְ שְׁטַארְק צוּלַאכְט אוּנ פוּן דֶעם גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער אִיז צוּזֶעצְט גֶעוָוארֶען אִיהר מַכָּה אִין הַאלְז אוּנ זִיא אִיז גֶעהָאלְפָען גֶעוָוארֶען.

25.

## הערשיל וֶוערְט אַ שַׁדְכָן.

אַז הערשלין אִיז נִיט גֶערָאטֶען דִיא דָאקְטָארַייא אִיז עֶר אַשַׁדְכָן גֶעוָוארֶען.

אֵיין מָאל קוּמְט עֶר אַרַיין צוּא אַיין אוֹיפְגֶעקוּמֶענֶעם גְבִיר, וֶועלְכֶער אִיז פְרִיהֶער גֶעוֶוען אַ בַּעַל עֲגָלָה אוּנ וָועלְכֶער הָאט גֶעהַאט אַ טָאכְטֶער חֲתוּנָה צוּמַאכֶען. נַאטִירְלִיךְ הָאט אוּנְזֶער גְבִיר יֶעצְט גֶעוָואלְט טָאהן אַ גְרוֹיסֶען שִׁדוּךְ, וִויא דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז פוּן דִיא אוֹיפְגֶעקוּמֶענֶע גְבִירִים.

פְּלוּצִים לֵייגְט אִיהם הערשיל נָאר פָאר אַ שִׁדוּךְ מִיט אַ שׁוּסְטֶערְס אַ זוּהְן.

— דוּא פַּארְח! — צוּבֵּייזֶערְט זִיךְ אוֹיף אִיהם דֶער גְבִיר — וִויא אַזוֹיא שְׁטֶעלְסְטוּ זִיךְ אוּנְטֶער מִיר פָארְצוּלֵייגֶען אַזַא שִׁדוּךְ? אַרוֹיס פוּן מַיין שְׁטוּבּ;

אוּנ הערשיל אִיז מִיט חַרְפָּה אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן אִיהם.

אִין עֶטְלִיכֶע וָואכֶען שְׁפֶּעטֶער קוּמְט עֶר וִוידֶער צוּא אִיהם.

— שׁוֹין? בִּיזְט וִוידֶער גֶעקוּמֶען — פְרֶעגְט אִיהם דֶער גְבִיר מִיט כַּעַס — אִיךְ הָאבּ דָאךְ דִיר שׁוֹין אֵיין מָאל אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶען פוּן דַאנֶען!

— אִיךְ הָאבּ אַצוּנְד נָאר אַ גְרוֹיסְאַרְטִיגֶען שִׁדוּךְ פַאר אַייךְ — עֶנְטְפֶערְט הערשיל.

— מִיט וֶועהמֶען אִיז? — פְרֶעגְט נַייגֶערִיג דֶער גְבִיר.

— מִיט דֶעם האצעלער רָבְ׳ס אַ זוּהְן.

— אָט דָאס אִיז אַ פַיינֶער שִׁדוּךְ! הָאט אִיהר שׁוֹין דָארְט גֶערֶעט?

— אַוַדַאי הָאבּ אִיךְ גֶערֶעט.

— וָואס זְשֶׁע הָאט מֶען אַייךְ גִיעֶנְטְפֶערְט?

— דָאס אֵייגֶענֶע, וָואס אִיהר הָאט מִיר גִיעֶנְטְפֶערְט וֶוען אִיךְ בִּין צוּא אַייךְ גֶעקוּמֶען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל.

דֶער גְבִיר אִיז פַארְשָׁעמְט גֶעוָוארֶען.

26.

## אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ.

אִין דִיא גְרוֹיסֶע וִוינְטֶערְדִיגֶע גֶעכְט פְלֶעגְט הערשיל לִיעבּ הָאבֶּען צוּא זִיטְצֶען אִין בית-המדרש בַּייא דֶער וַוארֶמֶער רוּבֶּע מִיט אַ חֶבְרָה בַּטְלָנִים אוּנ עוֹסֵק זַיין אִין שְׁאֵלוֹת-וּתְשׁוּבוֹת.

מֶען פְרֶעגְט הערשלין :

— וָואס הָאט עָר בֶּעסֶער לִיבּ : אַרַייכֶען בְּרִית אָדֶער אַרייבָע לְוָיָה ?

— אַרַייכֶען בְּרִית — עֶנְטְפֶערְט הערשיל .

— פאר וָואס אִיז ?

— וַוייל פוּן דֶעם רַייכֶען בְּרִית וֶועט שְׁפֶּעטֶער וָוערֶען אַ רַייכֶע לְוָיָה .

מֶען פְרֶעגְט וַוייטֶער הערשלין :

— וָואס וִויל עֶר בֶּעסֶער : אַ שִׁיסֶעל בָּארְשְׁטְשׁ צוּא צְוַוייא שִׁיסְלֶען רוֹיהֶע בֶּערִיקֶעם ?

— דִיא צְווַייא שִׁיסְלֶען רוֹיהֶע בֶּערִיקֶעם — עֶנְטְפֶערְט הערשיל .

— וָואס קֶענְסְטוּ דֶען טָאהן מִיט זַייא ?

— פוּן זַייא קֶען אִיךְ הָאבֶּען אַ וואוֹלֶע שִׁיסֶעל בָּארְשְׁטְשׁ אוּנ זָאל נָאךְ פֶערְבַּייסֶען מִיט דִיא בֶּערִיקֶעם .

מֶען פְרֶעגְט וַוייטֶער הערשלין :

— וֶוער אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער אַפְּטֵייקֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט ?

— דִיא צִיג — עֶנְטְפֶערְט הערשיל — וַוייל זִיא הָאט אוֹיפְגֶעזוּכְט קְרַייטֶער אוּנ פִּילֶען גֶעמַאכְט .

מֶען פְרֶעגְט וַוייטֶער הערשלין :

— וָואס אִיז נוּצְלִיכֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט : דִיא זוּן צוּ דִיא לְבָנָה ?

— אַוַדַאי דִיא לְבָנָה — עֶנְטְפֶערְט הערשיל — וָוארוּם דִיא זוּן שַׁיינְט דָאךְ נָאר בַּייא טָאג , וֶוען עֶס אִיז אַזוֹיא אוֹיךְ גֶענוּג לִיכְטִיג .

— פַאר וָואס הָאט מֶען אדם הראשון אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען פוּנ'ם גַן עֵדֶן ?

— מִסְתָּמָא הָאט עֶר נִיט גֶעצָאהלְט קֵיין דִירָה-גֶעלְד .

— פַאר וָואס קוּמְט נִיט מָשִׁיחַ אַזוֹיא לַאנְג ?

— כְּדֵי דֶער יַיִן הַמְשׁוּמָר זָאל אַלְט וָוערֶען , וֶועט עֶר בֶּעסֶער זַיין צוּם טְרִינְקֶען .

— קָאן זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אַ צְוַוייטֶער מַבּוּל ?

— עֶר אִיז שׁוֹין פוּן לַאנְג דָא — עֶנְטְפֶערְט הערשיל — וֶוען נֹחַ אִיז לֶעבֶּען גֶעבְּלִיבֶּען פוּן דֶעם עֶרְשְׁטִין מַבּוּל , הָאט עֶר גֶעפְלַאנְצְט אַ וַויינְגָארְטֶען אוּנ הָאט אוֹיסְגֶעטְרַאכְט דֶעם וַויין , אִיז אָט פוּן דֶעם דָאזִיגֶען מַבּוּל פוּן וַויין זַיינֶען שׁוֹין אַסַךְ מֶעהר מֶענְשֶׁען אוּמְגֶעקוּמֶען וִויא פוּן דֶעם עֶרְשְׁטִין מַבּוּל .

— וָואס אִיז דָאס עֶרְגְסְטֶע אִין דֶער תּוֹלְדוֹת הַטֶבַע (נַאטוּר גֶעשִׁיכְטֶע) ?

— וָואנְצֶען מִיט צְוַוייא פִּיסִינֶע עֶזְלֶען .

— וָואס וָואלְסְט דוּא טָאהן , הערשיל , וֶוען דוּא זָאלְסְט פְּלוּצִים רַייךְ וָוערֶען ?

— אִיךְ וָואלְט אָנְשְׁטָאפֶּען דִיא אַלֶע לֶעכֶער פוּן מַיינֶע קְלֵיידֶער מִיט אַסִינְגְנַאצְיֶעס .

— פוּן וֶועלְכֶער צַייט הָאבֶּען דִיא מֶענְשִׁין אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּא שְׁטַארְבִּין ? *)

*) ה' אסטראפאליער

— זִינְט דִיא מֶענֶער הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּא פָּאלְגֶען דִיא וַוייבֶּער.

— וָואס אִיז דָער חִלוּק פוּן אַ חָסִיד בִּיז אַ מִתְנַגֵד?

— דָער חָסִיד זָאגְט אַז דָער רַבִּי אִיז אַ צַדִיק, אוּנ דֶער מִתְנַגֵד זָאגְט, אַז אַ צַדִיק אִיז גָאטט.

— וָועלְכֶע נַאצְיֶע אִיז דִיא חָשׁוּבְ׳סְטֶע אִין דֶער וָועלְט?

— דִיא אַכִּינ-נַאצְיֶע.

— וִויא קוּמְט עֶס וָואס פוּן ראֹשׁ חֹדֶשׁ אֱלוּל הֵייבְּט שׁוֹין אָן קִיהל צוּ וָוערֶען?

— מַחֲמַת מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר דֶעם גַאנְצֶען חֹדֶשׁ, אִיז דִיא וִוינְדֶען וָואס גֶעהֶען אַרוֹיס פוּן דִיא שׁוֹפְרוֹת קִיהלֶען זַייא אָפּ דֶעם הֵייסֶען אַוִיר — וָוערְט קַאלְט.

— פַאר וָואס פַאלְט אַ שִׁכּוֹר פוּן דִיא פִּיס אוּנ נִיט פוּנ׳ס קָאפּ?

— ווייל עֶס שְׁטֶעהט: שקר אין לו רגלים אוּנ שֶׁקֶר „מִיט שִׁכּוֹר“ גְלַייכְט זִיךְ כִּמְעַט אוֹיס בַּיי׳ם רֵיידֶען.

— נָאךְ וָואס מוּיג דֶעם מֶענְשֶׁען דִיא אוֹיעֶרְן?

— כְּדֵי דָאס הִיטֶעל זָאל אִיהם נִיט אַרָאבְּפַאלֶען אִיבֶּער דִיא אוֹיגֶען.

— עֶס אִיז אֱמֶת, הערשיל, מֶען זָאגְט אַז אָפְּט שְׁלָאנְסְטוּ דַיין וַוייבּ מִיטְ׳ן שְׁטֶעקִין אוּנ זִיא דִיךְ מִיט דָער קָאטְשֶׁערֶע?

עֶט! — עֶנְטְפֶערְט הערשיל — עֶס טְרֶעפְט בַּייא אוּנְז אַמָאהל פַארְקֶעהְרְט אוֹיךְ...

27.

## הערשיל אִיז זִיךְ נוֹקֵם.

הערשיל אִיז אַמָאל אָנְגֶעקוּמֶען וִוינְטֶער בַּייא נַאכְט צוּא אַיין אַכְסַנְיָא וָוען זִיא אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פֶערְמַאכְט אוּנ אִין דְרוֹיסֶען אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער פְרָאסְט. הערשיל קְלַאפְּט אָן אִין דֶער טִיהר מֶען זָאל אִיהם עֶפְּנֶען. דָער בַּעַל אַכְסַנְיָא וֶועלְכֶער אִיז שׁוֹין גֶעלֶעגֶען אִין בֶּעט זָאגְט צוּ זַיין וַוייבּ: „אַ רַחֲמָנוּת, חָלֶעבֶּען, אוֹיף דֶעם יוּדֶען וָואס שְׁטֶעהט אוֹיפְ׳ן גַאס“ נָאר דִיא טִיהר עֶפִינְט עֶר אִיהם נִיט.

הערשיל קְלַאפְּט וַוייטֶער אָן אוּנ בֶּעט: „הָאט רַחֲמָנוּת! לָאזְט מִיךְ אַרַיין אִין שְׁטוּבּ, וָוארוּם אִיךְ וָוער פַארְפְרוֹירֶן!“

אוּנ דֶער בַּעַל אַכְסַנְיָא זָאגְט וַוייטֶער צוּא דִיא וַוייבּ:

— אַ רַחֲמָנוּת אוֹיף דֶעם יוּדֶען וָואס שְׁטֶעהט אִין דְרוֹיסֶען!“

— שְׁטַייטְשׁ, זָאגְט דָאס וַוייבּ, אַז דוּא הָאסְט יַא רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים, פַאר וָואס זְשֶׁע לָאזְט דוּא אִיהם נִיט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ?

(ה' אסטראפאליער) נארעלע

— נַארָעלֶע ! — עֶנְטְפֶּערְט עֶר — אַז אִיךְ וֶועל אִיהם אַרַיין גֶעהֶמֶען אִין שְׁטוּבּ , וֶועט דָאךְ שׁוֹין נִיט זַיין ־קיין רַחֲמָנוּת אוֹיף אִיהם !

הערשיל הָאט דֶעם עֶנְטְפֶער גוּט גֶעהֶערְט אוּנ טְרַאכְט זִיךְ : „וַוארְט , אִיךְ וֶועל דִיר שׁוֹין אָפְּטָאהן אַ גוּט שְׁפִּיצֶעל !“

אִין אַ פָּאר טָאג שְׁפֶּעטֶער קוּמְט הערשיל אַרַיין אִין דֶער זֶעלְבֶּער אַכְסַנְיָא , לַייטִישׁ אָנְגֶעטָאהן אוּנ פְרֶעגְט דֶעם בַּעַל אַכְסַנְיָא צוּא קָאן עֶר בַּייא אִיהם הַאלְטִין סְטַאנְצִיֶע אוֹיף נִיט קַיין בֶּעשְׁטִימְטֶער צַייט .

— אָךְ , מִיטִין גְרֶעסְטִין כָּבוֹד ! — עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל אַכְסַנְיָא — אִיהר דַארְפְט אַוַדַאי אַ בֶּעזוּנְדֶער חֶדֶר מִיט מֶעבֶּעל ?

— יַא , אוּנ מִיט עֶסִין אוֹיךְ .

— גוּט , גוּט ! זָאגְט דֶער בַּעַל אַכְסַנְיָא , נָאר גֶעלְט מוּזְט אִיהר מִיר בֶּעצָאהלֶען פַאר אַ חֹדֶשׁ פָארְאוֹיס .

— פָארְאוֹיס צָאהל אִיךְ ־קיין מָאהל נִיט , וַוייל דֶער שְׁוֶוער מַיינֶער שִׁיקְט מִיר צוּא גֶעלְד עֶרְשְׁט נָאכִין חֹדֶשׁ , דַארוּם קָאן אִיךְ בַּייא אַייךְ ־קיין אוֹרַח נִיט זַיין ··· נָאר וְוִיפִיעל , לְמָשָׁל , נֶעהמְט אִיהר פַאר דֶעם חֶדֶר ?

— פִינְף רוּבְּל אַ חֹדֶשׁ .

— אִיךְ בִּין אוּמְשְׁטַאנְד צוּא צָאהלֶען זֶעכְס רוּבְּל פַאר דֶעם חֶדֶר , וַוייל עֶר אִיז מִיר גֶעפֶעלֶען . אוּנ וִוִיפִיעל נֶעהמְט אִיהר פַאר קֶעסְט ?

— פוּפְצֶעהן רוּבְּל אַ חֹדֶשׁ , וֶועט שׁוֹין זַיין דְרַייא גֶערִיכְטֶען אַ טָאג מִיט 2 מָאהל טֵייא .

— אִיךְ קָאן אַייךְ גֶעבֶּען 20 רוּבְּל אַ חֹדֶשׁ — זָאגְט הערשיל — אַבִּי עֶס זָאל זַיין גוּט עֶסִין .

— אוֹיבּ אַזוֹיא — זָאגְט דֶער בַּעַל אַכְסַנְיָא — בִּין אִיךְ מְרוּצֶה צוּא וַוארְטֶען מִיט דֶעם גֶעלְד אוֹיף נָאךְ דֶעם חֹדֶשׁ , אַבִּי אִיהר זָאלְט נָאר הַאלְטִין ווָארְט אוּנ מִיךְ נִיט אָפְּנַארֶען .

— אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינֶעם נִיט אָפְּגֶענַארְט — עֶנְטְפֶערְט הערשיל — מִיר קוּמְט אָפְּט אוֹיס אַיין צוּ שְׁטֶעהן אִין אַכְסַנְיוֹת אוּנ שְׁטֶענְדִיג וֶוען אִיךְ צִיא זִיךְ אַרוֹיס , בֶּעגְלֵייט מִיךְ דֶער בַּעַל אַכְסַנְיָא מִיט טְרֶערֶען .

אוּנ הערשיל אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אִין דֶער אַכְסַנְיָא .

עֶס אִיז אַוֶועק אַ חֹדֶשׁ אוּנ צְוַוייא , הערשיל דֶערְמָאהנְט זִיךְ נִיט גֶעלְט צוּא צָאהלֶען , נָאר עֶר עֶסְט אוּנ טְרִינְקְט אוּנ קוּמְט צוּא זִיךְ .

דֶעם בַּעַל אַכְסַנְיָא אִיז דָאס אַרַיין טִיעף אִין דֶער נָאז .

— ווָאס זָאל דָאס בֶּעדַייטֶען , ר׳ הערש ? — פְרֶעגְט עֶר אִיהם עֶנְדְלִיךְ — אִיהר הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט אַז אִיהר צָאהלְט נָאכִין חֹדֶשׁ , צוּם סוֹף אִיז שׁוֹין אַוֶועק צְוַוייא חֳדָשִׁים אוּנ אִיךְ זֶעה נָאךְ אַלְץ נִיט פוּן אַייךְ קַיין גֶעלְט !

— ווָאס פַאר אַשׁוֹטֶה אִיהר זֶענְט ! — עֶנְטְפֶערְט הערשיל — צוּ מֵיינְט אִיהר אִין אֶמֶת׳ן , אַז וֶוען אִיךְ זָאל זַיין אַ גוּטֶער צָאהלֶער וָואלְט אִיךְ

בֶּעשְׁטַאנֶען צוּ וואָגֶען אִין אַזַא קֶבֶר ? אָדֶער צוּא עֶסֶען אַזַא שְׁלֶעכְט עֶסֶען יוויא בַּייא אַייךְ אִיז ? ···· הַיינְט פַארְגֶעסְט נִיט אַז אִיךְ הָאבּ אַייךְ צוּגֶעזָאגְט צוּא גֶעבֶּען 25 רוּבּל אַ חֹדֶשׁ, וָוען אִיךְ פַארְדִין נִיט אֲפִילוּ קֵיין 26 קָאפּ׳ אַ חֹדֶשׁ אוּנ מַיין שְׁוָוער פוּן יֶענֶער וָועלְט זָאגְט, אַז פוּן דָארְט אִיז זֶעהר שְׁוָוער אִיבֶּער צוּ שִׁיקֶען גֶעלְד ···

— פַארְוָואס זְשֶׁע הָאט אִיהר מִיךְ אָפְּגֶענַארְט?

— אִיךְ הָאבּ אַייךְ נִיט גֶענַארְט, מַיין לִיבֶּער יוּד, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאר בֶּערִיהמְט פַאר אַייךְ.

— וִויא אַזוֹיא הָאט אִיהר זִיךְ אוּנְטֶער גֶעשְׁטֶעלְט דָאס צוּא טָאהן ?

— בֵּייזֶערְט אַייךְ נָאר נִיט, פֶּעטֶער ! — עֶנְטְפֶערְט הערשיל — פַאר אַזַא פִינְסְטֶערְן אוּנ נַאסֶען חֵדֶר אוּנ פַאר אַזַא שְׁלֶעכְט עֶסֶען וִויא אִיךְ הָאבּ בַּייא אַייךְ גֶעהַאט, אִיז פָּשׁוּט אַיין עֲבֵירָה אַייךְ צוּא בֶּעצָאהלֶען. פַארְקֶעהְרְט, אִיהר דַארְפְט מִיר נָאךְ צוּ צָאהלֶען וָואס אִיךְ הָאבּ אַזוֹי לַאנְג גֶעלִיטֶען בַּיי אַייךְ.

דֶער בַּעַל אַכְסַנְיָא הָאט פוּן פֶערְדְרָאס זִיךְ צוּא וֵויינְט.

— וָואס אִיז דָאס פַאר אַיין אוּנְגְלִיק ? — שְׁרַייט הערשיל — שְׁטֶענְדִיג וָוען אִיךְ דַארְף זִיךְ אַרוֹיס צִיהֶען פוּן אַיין אַכְסַנְיָא, בֶּעגְלֵייטֶעט מִיךְ דֶער בַּעַל הַבַּיִת אָדֶער דִיא בַּעַל הַבַּיִתְ׳טֶע מִיט טְרֶערֶען, זֵייא בֶּעוֵויינֶען מִיךְ וִויא אַ גֶע-שְׁטָארְבֶּענֶעם. הֶערְט אוֹיף, אִיךְ בֶּעט אַייךְ, צוּא וֵויינֶען, עֶס קָאן זַיין אַז מִיר וֶועלֶען זִיךְ נָאךְ זֶעהן.

— נֵיין, נֵיין, לָאז נָאט אָפְּהִיטֶען ! הָאט דֶער בַּעַל אַכְסַנְיָא אִיהם נָאכְגֶעשְׁרִיגֶען.

28.

## דִיא קַאפָּאטֶע.

הערשיל הָאט אַמָאהל אוּמְגֶערִין פַארְפְלֶעקְט אֵיינֶעם זַיין נַייֶע קַאפָּאטֶע, הָאט יֶענֶער אִיהם גֶעשְׁלֶעפְּט צוּם רַב. דֶער רַב הָאט גֶעפַּסְקֶנְט, אַז הערשיל זָאל דֶעם יוּדֶען בֶּעצָאהלֶען דְרַייא רוּבּל פַאר דֶער קַאפָּאטֶע. הערשיל הָאט גְרַאדֶע בַּייא זִיךְ גֶעהַאט גֶעלְט, נֶעהמְט עֶר אַרוֹיס דְרַייא רוּבּל אוּנ בֶּעצָאהלְט. דֶער יוּד אִיז גֶעוֶועזֶען זֶעהר צוּפְרִידֶען אוּנ וִויל שׁוֹין אַוֶועקְגֶעהן, נָאר הערשיל לָאזְט אִיהם נִיט גֶעהן.

— שְׁטֶעה, זָאגְט עֶר, אִיךְ הָאבּ דָאךְ דִיר בֶּעצָאהלְט פַאר דֶער גַאנְצֶער קַאפָּאטֶע אִיז זִיא דָאךְ שׁוֹין מַיינֶע, טוּה זְשֶׁע זִיא אוֹיס אוּנ גִיבּ זִיא מִיר אָבּ.

— קוּם מִיט מִיר אַהֵיים — זָאגְט יֶענֶער — וֶועל אִיךְ זִיא דִיר גֶעבִּין.

— נֵיין ! — שְׁרַייט הערשיל — אִיךְ וִויל דִיךְ נִיט לָאזֶען גֶעהן מֶעהר אִין מַיין קַאפָּאטֶע, שׁוֹין טוּא זִיא אוֹיס אוּנ גִיבּ זִיא מִיר אָבּ !

דָער יוד פְּרוּבְט זִיךְ בֶּעטֶען בַּייא אִיהם: שְׁטַייטְשׁ, וִויא אַזוֹיא גֶעהט מֶען עֶס אִין גַאס אָהן אַ קַאפָּאטֶע? דֶער צוּא טְרָאגְט עֶר נָאךְ תַּחְתּוֹנִים אָהן הוֹיזֶען.

נָאר הערשיל ווִיל נִיט נָאכְגֶעבֶּען, דֶער יוד הָאט זִיךְ גֶעמוּזְט אָבְּזָאגֶן פוּן דִיא דְרַייא רוּבְּל אוּנ דָאס הָאט טַאקֶע הערשיל גֶעמֵיינְט.

## 29.

## אַ תֵּירוּץ.

מֶען פְרֶעגְט אַמָאהל הערשלין, פַאר וָואס טְרָאגְט עֶר אַזַא צוּרִיסֶענֶע קַאפָּאטֶע?

— נִישְׁט קָשֶׁה, עֶנְטְפֶערְט עֶר, זָארְגְט אַייךְ נִיט, אִיךְ הָאבּ אִין קַאסְטִין אַ נַייעֶ קַאפָּאטֶע.

— פַאר וָואס זְשֶׁע נֶעהמְסְט דוּא זִיא נִיט אַרוֹיס?

— ווַייל דֶער קַאסְטִין אִיז פֶערְשְׁלָאסֶען.

— נָא, שְׁלִיסְט מֶען אוֹיף!

— דָאס שְׁלִיסֶעלֶע לִיגְט אָבֶער אוֹיךְ אִין קַאסְטֶען — עֶנְטְפֶערְט הערשיל.

## 30.

## אִין מַארְק.

— קוֹיפְט, ר' הערשיל, דִיא שַׁאפֶּע בַּייא מִיר, אִיךְ פֶערְקוֹיף זִיא אִין גְלַייכִין גֶעלְט!

— וָואס זְשֶׁע וֶועל אִיךְ אַרַיינְלֵייגֶען אִין אִיהר?

— שְׁטַייטְשׁ! אַייעֶרֶע מַלְבּוּשִׁים.

— אוּנ אַלֵיין זָאל אִיךְ נַאקֶעט גֶעהְן? פְרֶעגְט אִיהם הערשיל מִיט אַ בְּרוֹגֶזְדִיגֶען טָאן.

## 31.

## הערשיל עֶבְּט פַאר זַיין גֶעלְד.

הערשיל קוּמְט אַמָאהל אַרַיין אִין אַ קְרֶעטְשְׁמֶע הוּנְגֶערִיג וִויא אַ וָואלְף אוּנ פְרֶעגְט דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶער אוֹיבּ מֶען גִיט דָא אוּמְזִיסְט עֶסֶען.

— נֵיין, עֶנְטְפֶערְט דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער — דָא עֶסְט אִיטְלִיכֶער פַאר זַיין גֶעלְט.

-· זַייט עֲדוּת, לִיעבֶּע יוּדֶען — װֶענְדֶעט זִיךְ הערשיל צוּ דִיא אִיבֶּערִינֶע אוֹרְחִים פוּן קְרֶעטְשְׁמֶע — דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער זָאגְט מִיר צוּא, אַז נָאר פַאר מַיין גֶעלְד קָאן אִיךְ דָא עֶסִין. נַא, בַּעַל הַבַּיִת! גִיט גָאר אַהֶער אַבִּיסֶעל בְּרַאנְפֶּען מִיט אַגוּטֶען בָּארְשְׁטְשׁ מִיט קַאשֶׁע.

דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער הָאט אִיהם דֶערְלַאנְגְט װָאס עֶר הָאט גֶעהֵייסִין.

הערשיל הָאט אַרַיינְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם בָּארְשְׁטְשׁ מִיט קַאשֶׁע, הָאט נָאכְדֶעם זִיךְ גֶעהֵייסֶען דֶערְלַאנְגֶען אַ שְׁטִיקֶעל גֶענְזִינְס, נָאכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ גֶעהֵייסֶען מַאכֶען װַארֶעניקֶעס אוּנ הָאט פֶערְטְרוּנְקֶען מִיט אַגוּט גְלֶעזֶעל װַיין.

נָאכְדֶעם אַלֶעם גֶעהמְט הערשיל אַרוֹיס אַ גְרוֹיסֶען פְּיַאטַאק (3 גְרָאשֶׁען) פוּן זַיין קֶעשֶׁענֶע אוּנ דֶערְלַאנְגְט עֶס דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶער.

דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער קוּקְט אִיהם אָן גַאנְץ פֶּערְװוּאוּנְדֶערְט.

— װָאס גִיהט אִיהר מִיר עֶפֶּעס אַ פְּיַאטַאק? פְרֶעגְט עֶר עֶנְדְלִיךְ.

— דָאס בֶּעצָאהל אִיךְ אַייךְ — זָאגְט הערשיל — פַאר דֶעם בְּרַאנְפֶּען, פַאר דֶעם בָּארְשְׁטְשׁ מִיט קַאשֶׁע, פַאר דֶעם גֶענְזֶענְס, פַאר דִיא װַארֶעניקֶעס אוּנ פַאר דֶעם װַיין.

— װָאס זְשֶׁע, אִיהר מַאכְט חוֹזֶק פוּן מִיר? דָאס אִיז דָאךְ אַ פְּיַאטַאק?!

— אִיךְ װֵייס אוֹיךְ װָאס דָאס אִיז — עֶנְטְפֶערְט הערשיל — נָאר אִיהר אַלֵיין הָאט דָאךְ פַאר עֲדוּת מִיר גֶעזָאגְט, אַז דָא עֶסְט אִיטְלִיכֶער פַאר זַיין גֶעלְד, אוּנ אִיךְ שְׁװֶער אַייךְ בַּייא מַיין הֵן, אַז מֶעהר װִיא דִיא דְרַייא גְרָאשִׁין מַיין אֵיינֶענְס הָאבּ אִיךְ נִיט. אַ גוּטִין טָאג!

אוּנ עֶר אִיז אַװֶעקְגֶעגַאנְגֶען.

32.

## בַּיי'ם עֶסֶען קְלַייבְּט מֶען נִיט אִיבֶּער.

הערשיל זִיצְט אַמָאל אִין אַיין אַכְסַנְיָא זָעהר פֶערְשְׁמַאכְט. אִין דֶעם זַיינֶען אַהִין אָנְגֶעקוּמֶען אַ חֶבְרָה מְחוּתָּנִים פוּן נָאךְ אַ הַתּוּנָה אוּנ הָאבֶּען גֶעהֵייסֶען דֶער בַּעַל הַבַּיִת'טֶע זִיא זָאל מַאכֶען אַ גוּטֶע װֶעטְשֶׁערֶע פַאר זַייא.

דָאס עֶסִין אִיז פַארְטִיג גֶעװָארֶען אוּנ דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעזֶעצְט בַּייא דִיא טִישֶׁען אוּנ הָאט אוֹיךְ אָן הערשלען נִיט פַארְגֶעסֶען.

אִין מִיטֶען דֶעם עֶסִין רוּפְט זִיךְ הערשיל אָן צוּא זַייא:

— רַבּוֹתַי! װֶער קָאן זִיךְ מִיט מִיר פַארְװֶועטֶען אִין עֶסֶען? אִיךְ נֶעהם זִיךְ אוּנְטֶער מִיט נָאךְ אֵיינֶעם אוֹיפְצוּעֶסֶען אַ גַאנְצֶען זַאק קַארְטָאפְלֶעס מִיט שְׁמַאלְץ!

— עֶר נַארְט אָב! שְׁרַייֶען אַלֶע — דָאס אִיז נִיט מֶעגְלִיךְ.

— װֶער? אִיךְ נַאר אָב? — פְרֶעגְט הערשיל — שְׁטֶעלְט אַיין צֶערְן

רובּל, וָועט אִיהר זֶעהן וִויא אִיךְ מִיט נָאךְ אֵיינֶעם עֶסֶען מִיר אוֹיף אַ זֶעקִיל אָבְּגֶעקָאכְטֶע קַארְטָאפְּלִים מִיט שְׁמַאלְץ.

— מִיר שְׁטֶעלֶען אַיין! — זָאגְט דֶער עוֹלָם — נָאר אוֹיב דוּא מֵיינְסְט אַז אֵיינֶער פוּן אוּנְז וָועט צוּא דִיר צוּ שְׁטֶעהן פַאר אַ שׁוּתָּף צוּם עֶסֶען, הָאסְטוּ אַ טָעוּת.

— נִישְׁט קָשֶׁה, אִיךְ וָועל שׁוֹין גֶעפִינֶען אַ שׁוּתָּף.

דֶער עוֹלָם הָאט אַיינְגֶעלֵייגְט 10 רוּבּל בַּיי׳ם אַכְסַנְיָא אוּנ הָאבֶּען אִיהם גֶעהֵייסֶען צוּגְרֵייטֶען אַ זֶעקִיל אָבְּגֶעקָאכְטֶע קַארְטָאפְּלִים מִיט שְׁמַאלְץ.

אִין אַ פָּאר שָׁעָה אִיז דֶער מַאֲכָל פַארְטִיג גֶעוָוארֶען אוּנ דֶער בַּעַל אַכְסַנְיָא הָאט עֶס הערשׁ׳ין דֶערְלַאנְגְט אִין אַ גְרוֹיסֶען קֶעסִיל אוֹיף דֶעם טִישׁ.

הערשיל הָאט גֶעוַוארְט בִּיז דִיא קַארְטָאפְלֶעס הָאבֶּען זִיךְ אוֹיסְגֶעקִיהלְט, נָאכְדֶעם אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִין הוֹיף אוּנ הָאט זִיךְ בַּאלְד צוּרִיק אוּמְגֶעקֶעהרְט מִיט אַ גְרוֹיסֶען חֲזִיר אוֹיף דִיא הֶענְד.

— אָט אִיז מַיין שׁוּתָּף וָואס וָועט מִיר הֶעלְפֶען עֶסֶען — זָאגְט עֶר צוּם עוֹלָם — וַוייזֶענְדִיג אוֹיף דֶעם חֲזִיר וֶועלְכֶער דֶערְשְׁמֶעקֶענְדִיג נָאר דֶעם רֵיחַ פוּן דִיא קַארְטָאפְּלֶעס, הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין גֶעְרִיסֶען צוּם קֶעסִיל.

דֶער עוֹלָם אִיז עֶרְשְׁטוֹינְט גֶעוָוארֶען פוּן הערשילס אַיינְפַאל.

— מִיר גְלוֹיבֶּען דִיר, הָאבֶּען דִיא מֶענְשִׁין גֶעזָאגְט, בַּייא אוּנְז אִיז מֶעהר קֵיין סָפֵק נִיט, אַז פַאר אַייךְ בֵּיידֶע וָועט נָאךְ וֶועניג זַיין דֶער קֶעסֶעל מִיט קַארְטָאפֶעל.

— הֵייסְט עֶס, הָאבּ אִיךְ גֶעוואוּנֶען דִיא 10 רוּבּל.

— נֵיין, הערשיל, אַ חֲזִיר קָאן דֶען זַיין אַ שׁוּתָּף צוּא דִיר?

— בַּיי׳ם עֶסִין קְלַייבְּט מֶען נִיט אִיבֶּער — עֶנְטְפֶערְט הערשיל — אוּנ ווִידֶער: אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַייךְ נִיט גֶעזָאגְט וָוער עֶס וָועט זַיין מַיין שׁוּתָּף, דַארוּם הָאבּ אִיךְ גֶעוואוּנֶען.

דֶער עוֹלָם הָאט אִיהם אָבְּגֶעגֶעבֶּען דִיא 10 רוּבּל אוּנ הערשיל אִיז אַרוֹיס פוּן דֶער אַכְסַנְיָא זַאט אוּנ נָאךְ מִיט 10 רוּבּל אִין קֶעשֶׁענְ׃.

33.

## הערשיל בַּייא אַ גוֹסֵס.

מֶען הָאט הערשלין אַמָאל גֶערוּפֶען צוּ אַ קַארְגֶען גְבִיר וֶועלְכֶער הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטֶען בַּייא דֶער גְסִיסָה, אוּנ הערשיל אִיז גֶעקוּמֶען וִידוּי זָאגֶען מִיט אִים. זֶעהט עֶר וִויא דֶער חוֹלֶה קְרֶעכְצְט זֶעהר בִּיטֶער אוּנ לָאזְט אַלֶע מָאל אַ־ויס שְׁוֶוערֶע זִיפְצֶען.

— וָואס קְרֶעכְצְט אִיהר אַזוֹיא ? — פְרֶעגְט אִיהם הערשיל — שְׁטַארְבְּעְן מוּז דָאךְ יֶעדֶער מֶענְשׁ אוּנ אֵייבִּיג לֶעבְּט נִיט קֵיינֶער.

— אַךְ, מַיין לִיבֶּער יוּד! — ענְטְפֶערְט דֶער חוֹלֶה — אִיךְ קְרֶעכְץ נִיט דֶערוֹיף וָואס אִיךְ דַארְף שְׁטַארְבֶּען, נָאר מִיר אִיז אַ גְרוֹיסֶער וֵוייטָאג וָואס אִיךְ גֶעה אִין דְרֶערְד אוּנ מַיין גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער בְּלַייבְּט דָא אִיבֶּער.

— גְלוֹיבְּט זְשֶׁע מִיר — זָאגְט הערשיל — אַז פַאר אַייֶער נָאלְד אוּנ זִילְבֶּער אִיז אַסַךְ גְלַייכֶער וָואס עֶס בְּלַייבְּט דָא אִיבֶּער, וָוארוּם דָארְט, וואוּהִין אִיהר גֶעהט בַּאלְד אַוֶועק, אִיז אַזוֹיא שְׁטַארְק הַייס, אַז דָאס גָאלְד וָואלְט בַּאלְד צוּשְׁמָאלְצְען גֶעוָוארֶען ...

34.

## הערשיל פֶערְלִיהרְט זִיךְ נִיט.

הערשיל קוּמְט אַמָאהל אַרַיין אִין קְלוֹיז מִיט אַ צוּדְרַאפֶּעטֶען נָאז. עֶר הָאט זִיךְ אִין דֶער הַיים נֶעקְרִינְט מִיט׳ן וַוייבּ, הָאט זִיא אִיהם מִסְתָּמָא דִיא נָאז צוּדְרַאפֶּעט.

— וִויא קוּמְט עֶס, הערשיל, וָואס דִיא נָאז אִיז דִיר צוּדְרַאפֶּעט? פְרֶעגְט מֶען אִיהם.

— אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַלֵיין אַ בִּיס נֶעטָאהן אִין דֶער נָאז — ענְטְפֶערְט עֶר.

— שְׁטַייטְשׁ, וִויא אַזוֹיא הָאסְט דוּא גֶעקָאנְט דֶערְלַאנְגֶען?

— אִיךְ הָאבּ מִיךְ אַרוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ בַּיינְקִיל — ענְטְפֶערְט עֶר קוּרְץ.

35.

## הערשיל פַּסְקֶ׳נְט שַׁאֲלוֹת.

I.

הערשיל קוּמְט אַמָאל אַרַיין צוּם רָב אִין שְׁטוּבּ, דֶערְוִויסְט עֶר אִיהם שְׁלָאפֶען אִין דֶעם צְוֵייטֶען חֶדֶר, אוּנ אִין דֶעם עֶרְשְׁטִין חֶדֶר אִיז אוֹיף דֶער קַאנַאפֶּע גֶעלֶעגֶען דֶעם רָבְ׳ס חַאלַאט מִיט דֶער יַארְמִילְקֶע. הערשיל טְרַאכְט נִיט לַאנְג אוּנ טְהוּט זִיךְ אָן אִין דֶעם רָבְ׳ס קְלַיידֶער, זֶעצְט זִיךְ בַּיים טִישׁ אוּנ פֶערְטִיעפְט זִיךְ אִין אַ סֵפֶר.

עֶס עֶפִינְט זִיךְ דִיא טִיהר, עֶס קוּמְט אַרַיין אַ בַּעַל עֲגָלָה מִיט דֶער בַּייטְשׁ אִין דֶער הַאנְד אוּנ וָוענְדֶעט זִיךְ צוּא אִיהם:

— רַבִּי! אַז אִיךְ הָאבּ שַׁבָּת אָבְּגֶעזָאגְט גַאנְץ תְּהִלִּים, הָאבּ אִיךְ נָאךְ גֶעדַארְפְט זָאגֶען בָּרְכִי נַפְשִׁי אוֹיךְ?

— בַּארָעכֶען זִיךְ נָאר — עֶנְטְפֶערְט דֶער פַארְשְׁטֶעלְטֶער רָב — דוּא בִּיזְט שׁוֹין, דַאכְט זִיךְ, דְרַייסִיג יָאהר אַ בַּעַל עֲגָלָה אוּנ דוּא בִּיזְט נָאךְ אַלְץ אַ פְּרִיץ! אַז דוּא פִיהרְסְט אַשְׁטֵיינֶער אַ נַאנְצִין וָואגֶען מִיט סְמָאלְע, דַארְפְּסְט דוּא דֶען נִיט שְׁמִירֶען דִיא רֶעדֶער?

## II.

אַ יוּדֶענְע קוּמְט נָאכְדֶעם אַרַיין צוּא אִיהם מִיט אַ הִילְצֶערְנֶעם לֶעפֶעל אִין דֶער הַאנְד.

— רֶבִּי! — זָאגְט זִיא — אָט דֶער לֶעפֶעל אִיז אַ מִילְכִיגֶער אוּנ אִיךְ הָאבּ שִׁיער גִיט אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט אִיהם אַ פְלֵיישִׁיגֶען בָּארְשְׁט, אִיז שׁוֹין טְרֵייף דֶער לֶעפִיל צוּא גֵיין?

— אָבֶּער הָאסְט נָאךְ נִיט אוֹיסְגֶעמִישְׁט?

— נֵיין, אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעוָואלְט דָאס טָאהן אוּנ הָאבּ זִיךְ פֶערְחַאפְּט.

— דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל בִּין אִיךְ דִיר מוֹחֵל — עֶנְטְפֶערְט הערשיל — נָאר אַז עֶס וֶועט זִיךְ מִיט דִיר טְרֶעפִין נָאךְ אַמָאל אַזַא מַעֲשֶׂה, וֶועל אִיךְ שׁוֹין טְרֵייף מַאכֶען דֶעם לֶעפֶעל מִיט דֶעם עֶסִין.

— גֵיין, גֵיין, רֶבִּינְיוּ! שְׁרַייט דָאס וַויבֶּעל, אִיךְ וֶועל שׁוֹין מֶעהר נִיט.

## III.

אַ פֶערְפְלַאמְטֶער חָסִיד לוֹיפְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ אוּנ שְׁרַייט:

— רֶבִּי! געציל דֶער חַקְרָן לַאכְט פוּן אוּנְזֶער רֶבִּין!

— טְרַייבּ אִיהם אַרוֹיס! עֶנְטְפֶערְט הערשיל.

— עֶר שְׁטֶעהט דָאךְ אָבֶּער אִין דְרוֹיסֶען?

— נָא, נֶעהם אִיהם אַרַיין אִין שְׁטוּבּ אוּנ טְרַייבּ אִיהם אַרוֹיס.

36.

## הערשיל לוֹיבְּט אַ חָתָן.

מֶען הָאט אַ מָאהל זִיךְ אָנְגֶעפְרֶעגְט בַּייא הערשלין אוֹיף אַ קַארְגִין חָתָן, וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ נֶעהַייסֶען גֶעבִּין זֶעהר פִיעל נַדַן. הָאט הערשיל גִיעֶנְטְפֶערְט: אַז אִיהם קוּמְט טַאקֶע אַ סַךְ נַדַן אִיבֶּער פִיעל מַעֲלוֹת, אַ מָאהל הָאט אַ פֶערְד גִיקָאסְט 20 רוּבְּל קָאסְט הַיינְט אִיבֶּער הוּנְדֶערְט רוּבְּל, אַ חָזִיר וָואס פְלֶעגְט קָאסְטִין 5 רוּבִּיל קָאסְט הַיינְט 20 רוּבִּיל, אוּנ אַ בָּחוּר וָואס פְלֶעגְט נֶעמֶען 200 גִילְדִין נַדַן נֶעמְט הַיינְט 2000 רוּבִּיל נַדַן, הַיינְט אַז עֶר אִיז אַ חֲזִיר אֵיינֶער אִין דֶער מְדִינָה, אוּנ אַ פֶערְד אִיז זַיין גְלַייכִין נִיטָא, אוּנ דֶערְצוּ אַ חָתָן אוֹיךְ, טָא וִויפִיל אִיז עֶר הַיינְט וֶוערְט צוּא נֶעמֶען נַדַן?

37.

## הערשיל דערקענט מענטשען.

הערשיל גֶעהט אין נאס פערטראכט, פלוצים לויפט ער צוא צוא א מענשען פון דער נאס שטופט איהם אריין דיא האנד אונ שרייט אויס מיט שמחה:

— א! וואס מאכט איהר ר׳ טאדרים? שוין א צייט אז איך האב אייך ניט גיזעהן! איהר האט זיך אזויא פיעל איבערגעביטען אין דער צייט אז איך האב אייך קוים דערקענט.

— איהר האט א טעות, מיין ליבער יוד, איך הייס נאר יאנקעל, ניט טאדרים.

— אך! — וואונדערט זיך הערשיל ווייטער — וויא אזויא א מענש בייט זיך דאס איבער! אפילו דער נאמען אייערער האט זיך שוין אויך פערביטען.

38.

## הערשיל אונ חייקעל הקרן.

חייקעל חקרן: זאג מיר הערשיל, ווען כדומה, למשל, א שטיינער, עס זאל ווערין אזא מין שנוי (פארענדערונג) אין דער נאטור, אז דיא זון זאל אנהייבען שיינען ביי נאכט, וואס וואלסטו דערויף געזאגט?

הערשיל: איך וואלט געזאגט אז דאס איז דיא לבנה.

חייקעל: ווען מען זאל דיר אבער אויפקלערן אז דאס איז נאר דיא זון?

הערשיל: וואלט איך יענעם זאגען אז ער איז א ליגנער!

חייקעל: נאר מיך קענסט דוא דאך ניט פאר קיין ליגנער אונ אז איך אליין זאל דיר זאגען אז דאס איז דיא זון, וואס וואלסטו מיר דערויף גיענטפערט?

הערשיל: איך וואלט גיענטפערט, אז דוא ביזט משוגע!

39.

## פארטזעטצונג.

הערשיל טרעפט אמאהל זיין חבר הייקלען וויא ער וואשט זיך מיט בראנפען דעם קאפ.

— וואס איז דאס פאר אשגעון — פרעגט ער איהם — וואס מיט בראנפין וואשסטו זיך דעם קאפ?

— אִיךְ הָאבּ דֶערְקְלֶערְט מִיט מַיין חֲקִירָה — עֶנְטְפֶערְט חייקעל חקרן — אַז דָאס אִיז אַ סְגוּלָה דִיא הָאר זָאלֶען וַואכְּסֶען.

— עֶט, גְלוֹיבּ דָאס נִישְׁט! — זָאגְט הערשיל — וֶוען דָאס זָאל טַאקֶע אַיין אֱמֶת זַיין, וָואלְט אִין נָארְגֶעל בַּייא מִיר שׁוֹין לַאנְג אוֹיסְגֶעוַואכְּסֶען אַ בָּארְד אוֹיף עֶטְלִיכֶע אַרְשִׁין!

## 40.

## הערשיל דֶערְצֶעהלְט דִיא וואוּנְדֶער פוּן אויסלאנד.

וָוען הערשיל אִיז אַ צַייט נִיט גֶעוֶוען אִין אָסטראפאליע אוּנ נָאכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ ווידֶער בֶּעוִויזֶען, פְרֶעגְט מֶען איהם וואוּ אִיז עֶר דָאס אַזויא לַאנְג גִיוֶוען?

— אִיךְ בִּין גִיוֶוען עֶט וַוייט אִין אויסלאנד, אַז אִין לאנדאן.

— אַזויא? אין לאנדאן בִּיזְטוּ גֶעוֶוען? — פְרֶעגְט אִיהם אִיבֶּער חייקעל חקרן — זָאג זְשֶׁע מִיר, אִיךְ בֶּעט דִיךְ, עֶס אִיז אֱמֶת וָואס מֶען דֶערְצֶעהלְט, אַז אין לאנדאן אִיז שְׁטֶענְדִיג טוּמַאנֶען?

— אָט הֶער אוים וָואס מיט מִיר הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען! — עֶנְטְפֶערְט הערשיל — שַׁבָּת בַּייא טָאג גֶעה אִיךְ מִיר שְׁפַּאצִירֶען אִיבֶּער דִיא לאנדאנער גַאסֶען אוּנ מִיר אִיז שְׁטַארְק פִינְסְטֶער אִין דִיא אוֹיגֶען פוּן דִיא טוּמַאנֶען, אַז אִיךְ מוּז טַאפֶּען דֶעם וֶועג. דֶערְוַוייל דַארְף אִיךְ זִיךְ אָפְּוִוישֶׁען דִיא נָאז, נָאר פוּן גְרוֹיס פִּינְסְטֶערְנִישׁ הָאבּ איך נִישְׁט גֶעקָאנְט טְרֶעפֶען צוּא מַיין אֵיינֶענֶער נָאז אוּנ הָאבּ אַ פְרֶעמְדִין מֶענְשִׁין אָבְּגֶעוִוישְׁט דֶעם שְׁטֶערִין.

## 41.

## הערשיל פַאר דֶעם טויט.

קֵיין מֶענְשׁ לֶעבְּט נִיט אֵייבִּיג, שְׁטַארְבֶּען מוּז יֶעדֶער, אויף אִיטְלִיכֶען קוּמְט זַיין צַייט, אוּנ אויךְ אויף אוּנְזֶער הערשלין אִיז גֶעקוּמֶען דִיא צַייט פוּן צוּא שְׁטַארְבֶּען.

עֶר לִיגְט אִין בֶּעט, ווידוי הָאט עֶר שׁוֹין לַאנְג אָבְּגֶעזָאגְט, יֶעצְט וַוארְט עֶר נָאר אויף דֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת, עֶר זָאל שׁוֹין אַרויסְנֶעהמֶען דֶעם חַלָּף פוּן דֶער שֵׁייד אוּנ זָאל אִיהם קוֹילֶען. נֶעבֶּען הערשלין זִיצְט דָאס וַוייבּ אוּנ וֵויינְט. צוּא וַוויינְט זִיא דֶער פאר וָואס עֶר שְׁטַארְבְּט אַצוּנְד, אָדֶער וַוייל עֶר אִיז שׁוֹין לַאנְג נִיט גֶעשְׁטָארְבֶּען — וַוייס אִיךְ נִיט.

פְּלוּצִים רוּפְט זִיךְ הערשיל אָבּ צום וַוייבּ:

— מַיין לִיעבּ וַוייבּ! טוּא מִיר מַיין בַּקָשָׁה אִין דֶער לֶעצְטֶער מִינוּט פוּן

מַיין לֶעבֶּען אוּנ וַואשׁ זִיךְ רֵיין אַרוּם אוּנ פּוּטְץ זִיךְ אוֹיס אִין דַיינָע יוֹם-טוֹב-
דיגֶע קְלֵיידֶער.

דִיא בַּקָשָׁה פוּן אַ נוֹסֵם אִיז הֵיילִיג בַּייא יֶעדֶען מֶענְשִׁין, דַארוּם הָאט
הערשילם וַוייב נִיט אִיבֶּער גֶערֶעט דָאס אַנְדֶערֶע וָוארְט אוּנ הָאט תֵּיכֶף גְ'רִפִּילְט
דָעם מַאנְס בַּקָשָׁה.

וְויא הערשיל הָאט זִיא דֶערְזֶעהן שֵׁיין אוֹיסְגֶעפּוּצְט, גֶעהמְט עֶר זִיא אָן
בַּייא דֶער הַאנְד אוּנ רוּפְט זִיךְ וְויא צוּא אִימִיצֶען אָבּ: „נוּא זָאג, מַלְאַךְ
הַמָוֶת! אִיז דָען מַיין וַוייבּ נִיט שֶׁענֶער פוּן מִיר? צוּא וָואס זְשֶׁע דַארְפְסְטוּ-
מִיךְ? נֶעהם בֶּעסֶער אִיהר צוּא!....

42.

## הערשיל בַּייא אַקַארְגֶען גְבִיר.

הערשלין אִיז אַמָאהל אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּא עֶסֶען שַׁבָּת בַּייא אַקַארְגֶען גְבִיר,
וָועלְכֶער הָאט גֶעמוּזְט נֶעהמֶען אַ אוֹרַח צוּא זִיךְ פְּשׁוּט פַאר בּוּשָׁה, וַוייל דֶער
גַבַּאי פוּן שׁוּל אִיז אַלֵיין צוּגֶעשְׁטַאנֶען צוּא אִיהם. מֶען דֶערְלַאנְגְט פִישׁ גֶעהמְט
דֶער גְבִיר דָאס קְלֶענְסְטֶע פִּישִׁיל אוּנ גִיט עֶס הערשלין אוֹיף אַ טֶעלֶער אוּנ
אַלֵיין מִיט זַיין פַאמִילְיֶע עֶסְט עֶר דִיא בֶּעסְטֶע פִישׁ. הערשיל לֵייגְט צוּא
דָעם אוֹיעֶר צוּם פִּישִׁיל.

— אַנְטְקֶעגֶען וָואס טוּהְט אִיהר עֶס? פְרֶעגְט אִיהם דֶער גְבִיר.
— אִיךְ הֶער זִיךְ צוּא וָואס דָאס פִּישִׁיל זָאגְט מִיר — עֶנְטְפֶערְט הערשיל.
— וָואס זְשֶׁע זָאגְט עֶס אַייךְ?
— עֶס דֶערְצֶעהלְט מִיר — עֶנְטְפֶערְט הערשיל — אַז עֶס אִיז שׁוֹין זָעהר
לַאנְג פוּן דָעם טַייךְ

דֶער גְבִיר שְׁמֵייכֶעלְט צוּא אוּנ גִיט שׁוֹין הערשלין אַ גְרֶעסֶער שְׁטִיקִיל פִישׁ.
מֶען דֶערְלַאנְגְט דִיא יוֹךְ. דֶער גְבִיר גֶעהמְט זִיךְ אַרָאבּ אִין אַ טֶעלֶער
דִיא אוֹיבֶּערְשְׁטֶע יוֹךְ אוּנ זָאגְט דֶערְבַּייא אַ פָּסוּק: אדם קרוב לעצמו; נָאכְדֶעם
גֶעהמְט עֶר אַרָאבּ פוּן דֶער שִׁיסֶעל פַאר דָעם וַוייבּ אוּנ זָאגְט וִוידֶער אַ פָּסוּק:
אהבתי את אשתי; נָאכְדֶעם גִיסְט עֶר אָבּ יוֹךְ פַאר דִיא קִינְדֶער אוּנ זָאגְט
וִוידֶער אַ פָּסוּק: אהבתי את בני; אַז אִין שִׁיסֶעל הָאט זִיךְ אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט נָאר
אַבִּיסֶעל אוּנְטֶערְשְׁטֶע וַואסֶער, גִיט עֶר עֶס אַוֶועק הערשלין אוּנ הֵייסְט אִיהם
אוֹיךְ זָאגֶען אַ פָּסוּק. הערשיל שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף, גֶעהמְט דִיא שִׁיסֶעל מִיט
בַּיידֶע הֶענְד אוּנ זָאגֶענְדִיג אִין דֶער הוֹיךְ דָעם פָּסוּק: וזרקתי עליכם מים טהורים
גִיסְט עֶר זַייא אַלֶע אָבּ אוּנ אַנְטְלוֹיפְט.

43.

## הערשׁיל אסטראפאליער שְׁרֶעקְט אִיבֶּער דֶעם רֶבִּין.

אִין אַוִוינְטֶערְדִיגֶע נַאכְט וֶוען אִין קְלוֹיז אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעלָאשֶׁען אַלֶע לִיכְט אִיז הערשׁיל גֶעשְׁלָאפֶען אוֹיף דֶער בַּאנְק. דָערְוַוייל אִיז אַהִין אַרַיינְגֶעקוּמֶען דֶער רֶבִּי ר׳ ברוכ׳ל. נָאר אַזוֹיא וִויא עֶס אִיז גֶעוֶוען פִינְסְטֶער הָאט עֶר פוּנְקְט גֶעטְרָאפֶען צוּא הערשלין. — וֶוער אִיז דָא? פְרֶעגְט דֶער רֶבִּי. — אִיךְ, הערשׁיל אסטראפאליער! — עֶנְטְפֶערְט הערשׁיל אוּנ נֶעהט אַוֶועק פוּן דֶער בַּאנְק צוּם בַּאלְעמֶער. דֶער רֶבִּי אִיז דָערְוַוייל צוּגֶעקוּמֶען צוּם בַּאלְעמֶ׳ער אוּנ טְרֶעפְט וִוידֶער גְלַייךְ צוּא הערשׁלין.

— וֶוער אִיז דָא? — פְרֶעגְט עֶר וַוייטֶער. — אִיךְ, הערשׁיל אסטרא-פאליער — עֶנְטְפֶערְט הערשׁיל אוּנ טְרָאגְט זִיךְ אָפּ צוּם עַמוּד. דֶער רֶבִּי גֶעהט וַוייטֶער אִין דֶער פִינְסְטֶער אוּנ קוּמְט גְלַייךְ צוּא צוּם עַמוּד אוּנ שְׁלָאגְט זִיךְ וִוידֶער אָן אִין הערשׁלין. — אוּנ וֶוער אִיז דָא? — פְרֶעגְט וַוייטֶער דֶער רֶבִּי. — אִיךְ, הערשׁיל אסטראפאליער בִּין עֶס — עֶנְטְפֶערְט הערשׁיל וַוייטֶער. דֶער רֶבִּי הוֹיבְּט אוֹיף בֵּיידֶע הֶענְד אִין דֶער הוֹיךְ אוּנ שְׁרַייט אוֹיס פֶערְוואוּנְדֶערְט:

— רבונו של עולם! עֶפֶּעס אַפוּלֶער קְלוֹיז מִיט הערשׁיל אסטראפאליערס!

44.

## הערשׁיל וִוינְטְשֶׁעוֶועט.

הערשׁיל הָאט אַמָאהל צוּגֶעוִוינְטְשֶׁעוֶועט אַ אָרְמֶען יְשִׁיבָה-בָּחוּר אַז גָאט זָאל אִיהם צוּא שִׁיקְן אַ כַּלָה מִיט דְרַייא מַעֲלוֹת, זִיא זָאל זַיין שֵׁיין, רַייךְ אוּנְד מְשׁוּגָע.

צוּא וָואס זְשֶׁע ר׳ הערשׁ זָאל זִיא נָאר זַיין מְשׁוּגָע? פְרֶעגְט אִיהם דֶער יְשִׁיבָה-בָּחוּר.

שׁוֹטֶה אֵיינֶער! עֶנְטְפֶערְט אִיהם הערשׁיל, אַז זִיא וֶועט זַיין שֵׁיין אוּנְד רַייךְ אוּנ וֶועט דִיר נֶעמֶען אִיז זִיא דָאךְ מְשׁוּגָע.

ע נ ד ע.

(ה׳ אסטראפאליער)

אדרעססע
Братьямъ Блатницкимъ.
въ Одессу.

בית מסחר הספרים של
האחים בלאטניצקי
באדעססא.

אדרעססע
Gebrüder Bletnitzky.
Odessa.